308

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 20־417) 35־סטער יאר אקט.־יאנואר 1974 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

יום־כיפור מלחמה, חנוכה, ירושלים ............ *** 3
דער נישט־אנאנימער סאלדאט, ............ משה שמיר 22
דער פסק דין (א חסידישע מעשה) ............ יוסף וויינשטיין 25
דער וואנדערער ............ אסתר ערליכמאן 29
א ניי לעבן (ליד) ............ אייזיק גאלדבערג 30
די שלאנג (דערציילונג) ............ וויליאם סאריאן 31
בוקארעסט, קאנסטאנצא און קיעוו ............ מאשא גרינבוים 36
דער שורש (המשך) לעצטע לידער ............ א. נ. שטענצל 46
אלוואן לזכרון (געהאלטן ביי דער לויה פונם קינסטלער) הארי ראיאק 59
הדסה קענסטנס ווארט־קאנצערט ............ סעם גאלדבערג 60
לאנדאנער יידן דעמאנסטרירן זייער סאלידאריטעט מיט ישראל דוד בערמאן 61
קאנצערט מיט פאלקס לידער ............ אייזיק גאלדבערג 64
דאס פענסטער (ליד) ............ אהרן צייטלין 64

**רעדאקציע נאטיץ**: דער נומער האט געזאלט ארויס צו חנוכה נאר איבער דער ארבעטס־לאגע דא איצט איז ער פארשפעטיקט און א סך מאטעראל מוז איבערבלייבן, אויך די לאנדאנער קולטור ידיעות.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
אבאנאמענט־פרייז :—£1.50 פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

*Published and Edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## פון דער צוגעשיקטער באגריסונג צום נייעם יאר פונם

## בארד אף דעפיוטיס־פרעזידענט — סאמועל פישער

דר יעצטיקער דור לעבט צו נאנט צו די וווּנדערלעכע פאסירונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין אונזער עפאכע; די געשיכטע וועט קענען דערציילן פונם ווידערגעבוירן ווערן פון מדינת־ישראל — דער גרעסטער קוראזש איז געוויזן געווארן פון אונזערע ברידער אין סאוויעט־לאנד און די גרויסע עליה פון די יידן אין די אראבישע לענדער.

די וואס לעבן אין לענדער פון פרייהייט, מוזן אלץ טון צו העלפן די אנדערע, וואס זיינען נישט אזוי מזלדיק.

לאמיר האפן, אז מיר וועלן באקומען די ברכות פון גאט, צו באשאפן א גליקלעכע און שלומדיקע וועלט.



# דוד בן-גוריון




דוד בן־גוריון דער מיסד פון
מדינת ישראל געהער אן שום
ספק צו די תנכישע פיגורן.

## דער אומבאקאנטער יום-כיפור-סאלדאט

קיין מאמע, קיין טאטע באוויינט אים נישט,
ווייל זיי האט מען אין אוישוויץ פארברענט;
ער באליידיקט, געשענדט, מיט לעצטן כוח,
קיים אנקומען קיין ישראל געקענט.

ליגט ער אין ארון, זיין מחילה־שמייכל
א קייגן גאנצן ארום געווענט:
כ'האב דאך געקענט קעמפן קיין דעם פיינט,
מיט געלאדן געווער אין די הענט . . .



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 20־417) 35־סטער יאר אקט.־יאנואר 1974 לאנדאן

## די דריטע מנורה

א

אכט רערלעך די חנוכה־מנורה,
די בית־מקדשדיקע זיבן רערן;
זעקס — פאר די קדושים אנצוצינדן,
נישט מיט אייל אנגעגאסן — מיט טרערן.

אין קריגעלע אייל אין געפונענעם,
צום כהן־גדול געטון געהערן,
נאר פאר איין טאג געווען צו לייכטן,
א נס — זיך געטון מערן און מערן!

פאר די יארצייט־ליכט, די „ששה נרות",
אזויפיל טרערן, אזויפיל טרערן,
ווי זיי טליען, פייערדיק זיי גליען — —
קאן מען ציילן אין הימל די שטערן?

ב

דאס פינקלען, דאס ווילדע אויפפלאקערן —
דאס הארץ־ברענען קיינמאל נישט אויפהערן!
וואס אונז אנגעטון נישט מוחל צו זיין —
קאן אזוינס אמאל פארגעסן ווערן?

אחוץ די גאולה־שלימה קומען,
אקעראייזנס געשמידט פון געווערן,
און בלוטיקע שנאה צווישן מענטשן
אויף תמיד, אויף אייביק שוין אויפהערן.

יעדעס מענטשלעכע הויז א געהייליקטס,
א בית־מקדש דעמלט עס וועט ווערן;
יעדעס הארץ געזיגלט מיט א ליבשאפט,
קיינמאל, קיינמאל שוין נישט אויפצוהערן.

* * *

צו די שמשים פון דער מנורה
עס וועלן אלע מענטשן געהערן,
צו באשיצן אז קיין שום בן־אדם
נישט קאנען זי, חלילה, צעשטערן.

## שטעטל אונזערס

שטעטל אונזערס כולו קודש —
מיט שטעכל־דראט, מיט געטא־מויער,
ווי מיט ערב ארומגענומען — —
דא א גרענעץ צו אונזער טרויער?

אומענדלעך הייליק שטעטל אונזערס:
„תורה מ׳גראשן״, ביכער צעלעזן,
צווישן זיך מ׳האט כשר צעטיילט,
כזית־ברויט, אז ר׳איז נאר געוועזן.

גרענעצן? איז דען דא א גרענעץ,
צום אייביקן „אויב נישט נאך העכער״?
און וועט דען אמאל פול ווערן?״
דער געלעכטער „טרערן בעכער?״

אז ווי גרויס איז דען דער אטאם,
און גאנצע ערד ער קאן צעשטערן — —
ווען וועלן שוין די קליינלעכקייטן,
צווישן מענטש און מענטש שוין אויפהערן?

א, די „חרב המתהפכת״
וועט אזוי לאנג איבער אונז הענגען,
ווי לאנג דער גלאבוס פון גלגל־ערד,
צעטיילט אויף ברייטן און אויף לענגען.

יא, דער וואונדערלעכער עץ־הדעת,
ווי קאן ער זיך ליכטיק צעבליען,
ווי לייכט ווערן פינקן פארלאשן,
פינסטער אונטער קופע אש טליען.



## א טריפטיך

—ישעיה ס״ג, א—

### א

„מי זה בא מאדום חמוץ בגדים״?
אז אזוינס צו זען, נישט נאר צו לייענען;
די אויגן פינקלען נישט פון טרעטן וויינטרויבן,
פון טרערן רויט! זיי הערן נישט אויף צו וויינען:

צי איז נישט געווען דער וויזיון פון נביא
אויף ירושלים־בערג און ירדן־פליינען,
וואלף און שעפעלע, בער און ציגעלע פאשען
און א קליין יינגעלע פיטערט זיי אינאיינעם.

### ב

שבת צו שלוש־סעודות, ווינטער אין שטעטל,
ווי מ׳האט זיך דאס מיט דעם פסוק צעזונגען:
גאנצע סאטנעיס קאזאקן אנגעריטענע,
האט זיך א ניגון־מארש צעשאקלט, צעקלונגען.

אלע זיבן הימלען תפילהדיק איינגעריסן —
א געברויז פון ימים, א מבול פון טרערן:
„לתקן עולם במלכות ש־די״! ווען שוין,
גאטעניו, ווען שוין וועט דאס מקוים ווערן?

און ביי די שווארבע־יינגלעך, אין דער פינסטערניש,
ווי האבן געטון ליכטן דעמלט די אויגן:
דער גלית־הפלישתי, דער מוראדיקער ריז,
אן אנגעפאנצערטער מיט פייל און מיט בויגן — —

אבער זע, זע, דוד דאס פאסטוך־יינגעלע
קומט מיט זיין געשליפן שטיינדל, מיט זיין שלידער,
און קוים יענער נאך צייט צו טרעטן דעם בויגן,
אים מיט כוח צו שפאנען — — נאך איידער, נאך איידער.

ליגט ער שוין דער גרויסער גבור, דער גלית־ריז
אויף דער גאלער ערד א טויטער אויסגעצויגן — —
פון געשריי: „ויתנו לך בתר מלוכה״!
ס׳גאנצע שטיבל איין צעטאנצטער רעגנבויגן —

א מנין־יידן ארום א כזית חלה,
צו א דבקות־ריקוד זיך אויפגעהויבן;
דער חדווה־טאנץ דעמלט ארום דעם מעלעמער —
די ערד ארום אלע מענטשן פול מיט גלויבן.

ג

„כי יום נקם בלבי ושנת גאולה באה“!
אז אזוינס אצינד צו זען — נישט נאר צו לייענען!
וועט דאך אויך די נבואה מקוים ווערן,
אז אלע פעלקער ברידערלעך זיך צו פאראייננען.

כ׳לייען ווייטער און ווייטער די וואונדערלעכע פסוקים — —
אז ווערטער קאנען ווי שטערן אזוי שיינען!
איז עס א וואונדער אז די צוקונפט פון דער וועלט
פון זיי די מענטשן געטון טון ארויסלייענען?

## תפילה

דו האסט עס געלאזט אפמעקן,
דאס טויזנט־און־איין יידיש־שטעטל!
אז כ׳קום אריין נאך אין א שול,
איז צו הערן חזן ביים ברעטל.

ניגון זייערן, די טענער,
די טרעלן מיר די טרערן רינען — —
זיי נישט צו פארגעסן איך קום,
נישט דיך צו לויבן, דיך צו דינען.

„און אפשר איז תפילה אליין ג אט“?
זאל דאך דער בעל־שם געזאגט האבן —
ווי ס׳ציטערט די ערד אונטער מיר,
מיט לעבעדיקע אין איר באגראבן.

און זע האסט געלאזט פארטיליקן,
קוילענען — געברענט, געהאנגען,
און מיר שטייען נאך אלץ פאר דיר
מיט הייליקע תפילה־געזאנגען.



## די יום - כפור מלחמה

א

צו כל־נדרי כ׳בין אין שול געווען,
קיין טרער אין קיין יידיש אויג געזען,
דער ראביי מכינט זיך צום אפיל — —
ווילאנג קאן נאך דויערן אזא שפיל?

איבער זיין מחזור דוכנט א ייד
גענעצנדיק, אנגעגעסן מיד;
א קינד מיט זיבעציק יאר צוריק,
אין מיינעם איינגעגראבן מיין בליק:

נאך וואס בין איך געקומען אהער,
זען ווי נר־תמיד הענגט שווער — א טרער?
אט פאלט זי אויסגעלאשן אראפ,
א לעצטער, פינסטערער, קאלטער טראפ.

ב

מעשה טענאר, מיטן נאטן־ביכל,
גארגלט זיך דער קאנטאר ביים ברעטל;
פון געמישטן כאר הערט זיך זיס
ס׳בעטעמטע שטימעלע פון א גרעטל.

א, נייך, „אלע טא ניע פאמאגע“!
האלב ליידיק איז די סינאגאגע,
און ווען דער ראביי נעמט פרעדיקן,
להבדיל, אין קירכע א חגא.

נאך א נס ס׳שטיקעלע יזכור —
א טוץ פרויען מענער באקלאגן!
ס׳הערט זיך פון דער ווייבער־שול אויבן
א זאגערקע אויף גויאיש זאגן.

ג

. . ערשט צו נעילה פון „בוקינג אפיס“,
נישט מיט „ווינער“ צוריקגעקומען —
„סאדאט איבערגעפאלן ישראל!“
א שוידער שול ארומגענומען.

וואס מיר קאנטאר, וואס געמישטער כאר?
קאמפאזיציעס, „פרייער“־געזאנגען?

א „שמע קולינו“, הילכיק געווין
צום העכסטן הימל אויפגעגאנגען.

יא, דאס „לשנה הבאה“־געשריי — —
און די תקיעה נאכן תתקבל — —
דעם ראבייס „פרייער־בוק“ נאס פארטרערט,
האט אויסגעזען ווי נאכן מבול.

ד

אפשר האט געמוזט קומען אזוינס,
אז מען זאל זיך צוריק דערפילן —
נישט מער אין יידישקייט — „בלינדע קו“,
און „קאמער־קאמער“ זיך צו שפילן —

דער מוסף אמאל אינם שטעטל,
צו דער עבודה זיך גענומען —
ממש מען האט געטון טון הערן
די שכינה א טורטל־טויב ברומען.

ערשט דאס געשריי ווען ר׳עקיבאן,
זיין לייב מיט א קאם געטון קעמען — —
נאך אצינד כ׳הער זיין אחד־געשריי,
מיין לייב א גרויל טוט ארומנעמען.

ה

„עברי אנכי“ — יונה א, ט

אז דאס ווארט „עברי“: ווערט דער „אנוכי“,
גאנצע, גארע וועלט גייט שוין גארנישט אן;
אלע פעלקער כאטש אומברענגען
פאר דער אייגענער, פלאטערדיקער פאן.

דעמלט באמת שוין „טוב מותי מחיי“ — —
רעד איך צו מיר, חלום איך, לאך איך, כ׳וויין ?
קוים פלאקן אין דר׳ערד אריינגעשלאגן
און שוין אונזער „סוכת דויד“ פאלט איין ?

„קיקיון“! „יאנא פאשלא דא וואנא“!
וויטער בלייבן אויף חוזק און אויף שפאט?
איז טאקע גאז־קאמער, קרעמאטאריע־איוון
דיין גאנצער כח, רחום־וחנון ג אט ?

מוצאי יום־כפור, תשל״ד



## כורעים פאלנדיק

איך זיץ מיר דא און גראם מיר מיט ווערטער,
ירושלים — — הייליקע ווערטער — —
און דארטן פאלן מענטשן טויטע צו דער ערד.

קייגן זייער פארבלוטן, איין טראפן,
איין געפאלענער אין גסיסה כראפן,
אלע מיינע גראמען־סטראפן וואסער ווערט ?

אבער צי קען דען דאס הארץ איינזיצן,
ווען דארט ס׳טון די הארמאטן בליצן ?
כ׳וויל דאך אויך מיט עפעס באטייליקט זיין.

מיין קאפ פאלט צו צו דער ערד, א גרויער,
מיין הארץ ברעכט צוזאם אין טיפן טרויער,
מיט א טויט־צעצאפלט, צעכארכלט געוויין.

## ממחרת יום - הכפורים

צו א פאטא אין די צייטונגען

„מיט יידיש גייט מען קיין אוישוויץ,
מיט עברית צום סיני מען שפאנט“.
אזא ליד, סאלדאטיש סאליד,
געמארשט מיט כלי־זין אין האנט.

אבער נישט נאר מיט יידיש, אויך
מיט עבריתדיקן שמע־ישראל
אין גאז און אין רויך געטובלט,
זעקס מיליאן געהייליקטער קהל.

„אין דייטש גאנצע שעפסן־סטאדעס,
מחנות גלות־יידן געפירט“. .
א, אז סאברעס, אז ישראלים,
אויף אייגן לייב שיער דאס געשפירט,

„אחת ואחת“, איך צייל, צייל,
צה״ל־סאלדאטן אזא צאל,
אן איינציקער זעלנער פירט זיי —
אן אראבער, אן ביקס צומאל.

„אחת ואחת“ איך צייל, צייל,
מיין הארץ בלוט פארגאסן בלייבט שטיין:
א, גאט פון מחילה, דו ביסט דאך,
רייסט זיך פון מיר ביטער געוויין —

„מיט יידיש גייט מען קיין אוישוויץ,
מיט עברית צום סיני מען גייט“,
אז ווען שוין די מענטשן־קינדער
פון רציחה, פון שנאה באפרייט?

## גאטס חתימה

„ווען ס׳שיסן די קאנאנען שוויגן די מוזעס“ — —
יא, די מוזעס, אבער נישט דער מוז!
אין די ווילדע, וויסטע מדבר־זאמדן
שרייבט זיך אצינד א קול־קורא כרוז.

מיט בלוט פון מענטשן ווערט ער געשריבן,
פון גאט געחתמעט און מיט זאמד באשיט:
איבער דער מארש פון „על חרבך תחיה“
איז דער שליאד צו מענטשלעכן פארטשריט.

נישט בלייבן קיין שפור פון מענטשלעכער קולטור,
פארגאסענער בלוט־פלעק — יעדעס אות!
מיט כאמסין־זאמד שטענדיק־פארשאטן,
און דער נצחון — אייביקער כאאס.

מיין נישט, אז די וועלט איז א שאך־ברעט,
איינער דעם אנדערן צו געבן א מאט,
ווידער די זעלנערלעך אויסצושטעלן
און דער שפרינגער איבער זיי — דער הארמאט.

## א מאמע אין ישראל

אזויפיל ארונות, אזויפיל ארונות,
יעדער ארון מיט א בלוי־ווייסער פאן באדעקט —
עס זיינען אלע אירע איינציקע קינדער!
פון איר שטילן אויפשריי גאנצער ארום דערשרעקט.

איז א לוויה, צי גאר א חתונה?
לאכט זי, וויינט זי? הייבן זיך אירע פיס צום טאנץ?
זע, די זון, דער ליכטיקער קוילעטש אויפן קאפ!
פאר איר זונס ארון, פארחלשט, ליגט זי א קראנץ.



דער ווייסער שטערן, בלוי־פארביסן די ליפן,
איר מאמעדיק הארץ — א פאן געפלאטערט עס האט!
נישט געפירט זי — אונטער די ארעמס געטראגן — —
אין איר געלויטערטן בליק קיין טרער — עס וויינט גאט.

## „צום קאנצערט פאר די פארוואונדעטע“
— א פאטאגראפיע אין די צייטונגען —

ווי מאיעסטעטיש־שטאלץ זי פירט איר מאן,
אברהם יצחקן פון דער עקידה;
טרערן גיסן זיך מיר פון די אויגן,
קוקנדיק אויף די הייליקעביידע.

נישט קיין פארוואונדעטער אויף וועגעלע —
א קעניג אויף א טראן טוט זיצן!
אן פיס ר׳איז, בלינד, און אין אירע אויגן
א רעגנבויגן עס טוט אויפבליצן:

„זאל דאך שוין שלום זיין אין אונזער לאנד,
אז וואס נאך קאן א מענטש אוועקגעבן“ — — —
יצחקן, א געשחטענעם איך זע
מלאך איבער אים — ציטערדיק שוועבן.

## די טרויער איצט אין ישראל

דאס, וואס ס׳פילט זיך געוואלטיק אזוי,
די אבלות־טרויער אין ישראל אצינד — —
ניין, עס איז נישט נאר די געפאלענע,
זין אן פיס, אן איין־און־איינציקער בלינד.

אין בית מ׳זיצט נישט שבעה נאך א קינד.

שטיל מאמע־געוויין — קאן זיין נאך העכערס?!
דאך ווי חזניש מלא־רחמים ס׳זינגט:
זייער יונג בלוט די טראנספוזיע איז,
מיט זייער לעבן אונזער ערד פארייננגט.

און ווי ציניש מארס פון הימל צואווינקט.

די טרויער אין ירושלים אזוי גרויס איצט:
וויאזוי געטרייסט ווערן אינם צער,
אז ירושלים קאן פארקויפט ווערן
פאר אביסל פעטראליום פון א קאר?

זאגט מען נישט: „. . ינחם אתכם בתוך שאר“ — — —

## צו א מאמען

(איבער צוויי מנינים לאנדאנער בחורים געפאלן אין יום־כפור־קריג)

אז פון אונזער מדינה דא, פון ענגלאנד,
געפאלן איבער צוואנציק בחורים איצט,
געפארן אהין אין שעה פון גרויס געפאר,
ס׳יידישע לאנד מיט לייב און לעבן באשיצט.

וואס אנדערש קאן מען זאגן ווי, אז וואר ס׳איז
דער „מי כעמך ישראל גוי אחד״?
און אז נישט נאר ישראל וועט בלייבן לעבן,
נאר וואו א קיבוץ, וואס ג'אט אין הארצן האט.

די לעגענדע פון דער יידישער מאמען,
וואס געטאנצט מיט איר זונס אפגעהאקטן קאפ,
עומד בנסיון געווען, נישט פארראטן
זיין פאלק, אזוי מסתם מיט שטאלצן טרער־טראפ.

אין איג, נישט אין ענגליש־יידישע מאמע
די קרבן־ידיעה פון איר זון דערהערט,
ווי ער — א כהן־גדול אין יום־כפור,
מיט זיין בלוט באשפרענגט ד׳הייליקע ישראל־ערד.

## דאס נס

ווי הייס די אויגן גליען פאר שרעק,
און הער ווי דאס הארץ גייט אזוי שווער —
אונזערע טרערן גייען ביז דארט אהין,
זייער בלוט קומט ביז דא אהער.

אזוי וועבט זיך צווישן אונז און זיי,
שתי וערב אהין און אהער — —
געקנופט און געבונדן פאדעם אין פאדעם
איינס צו זיין, נישט צעריסן מער.

איז עס מיין ברודער, מיין זון, איך?
איך קוק און ווי בת־קול איך הער:
לייב פון דיין לייב יענס שטיקל ערד,
ס׳טריפט פון זיין בלוט, צעווייקט פון דיין טרער.



## אזא חנוכה - ליד האיאר

זיבן רערן־מנורה אין בית־מדרש „טעמפל״,
אכט רערלעך אין קליינעם חנוכה־„לעמפל״,
די ישראל־מנורה זיבן — — וואו רערל ח ?
דאס איז אונזער געאייביקטער, גרויסער נס.

„מי כמוך באלים ה׳ ״

ווען אונזער לעבן שוין עס הענגט אויף א הערל,
ווערט עס פול אנגעגעסן דאס קליינע רערל — —
די מוראדיקע שרעק אצינד, דער יום־כפור קריג !
און זע, וואונדער איבער וואונדער, ווידער א זיג.

„מי כמוך באלים ה׳ ״

אז ווער זיינען זיי, די גבורים, געווען ?
איבער זיי ווי איבער די מכבים מ׳וועט לעזן,
צום העלדן־טויט געלאפענע מיט געאייל —
אין אונזער מנורה ס׳לעצטע בוימאייל.

„כי עמנו קל״!

אויף וויפל שייטערס אויפגעגאנגען אין פלאמען !
און אצינד טאטע און קינד ביידע צוזאמען,
זיידע געבוקט פאר ג'אט אינמיטן „על חטא״—
כאיש אחד ווידער אויפגעשטאנענע גרייט.

„מי כעמך ישראל גוי אחד״

זיבן רערן די מנורה אין בית־מקדש־טעמפל,
אכט טרערן־רערלעך אינם חנוכה־לעמפל,
די ישראל־מנורה זיבן רערן האט — —
דאס אכטע, ווי דער נר־תמיד פאר ג'אט,

פאר די געפאלענע פונם יום־כפור קריג.

## „מי כמוך באלים ה׳"
— א טריפטיך —

א

ווי בוימאייל, וואס קומט ארויס אויבן אויפן וואסער,
אזוי קומט ארויס שוין דער אמת איצט איינגאנצן:
שמן־זיתדיק די הויך־געהויבענע ווערטער,
און פארשטונקען איז אלצדינג מיט פעטראל־פינאנצן.

ב

. . און איר, אז דעם ארבעטער איינגעשפאנט,
שווערד שמידן צו פארשניידן ס׳יידן־לאנד,
שטאט פאר אייגן פעלד דאס אקעראייזן,
וויאזוי, מישטיינסגעזאגט, באווייזן
זיך און די גאנצע וועלט צו דערלייזן?

שנארעט מען איבער דער גאנצער וועלט ברויט
און מען סטראשעט רק מיטן אטאם־טויט — —
וואס פון נביאים־ווארט געמאכט זיי האבן?
די שלום־טויבן — א טשאטע ראבן,
גאנצע ערד אין קברים צו צעגראבן.

ג

בוימאייל, וואס קומט ארויס אויפן וואסער,
אזוי־א קומט דער אמת פון אויבן!
„מי כמוך באלים ה׳",
אז געטון אויף דעם אונז אויסקלויבן?. .

## פארלאמענטאריער

עס האלט תמיד די בייטש אין דער האנט
דער, וואס זיצט אין זאטל הויך אויפן פערד;
צוזאגנדיק, אויגן פרום־פארגלייזט,
אראפגעפאלענער, וואס ליגט אין דר׳ערד.

אזוי גייט עס אהין און אהער
אן אויפהער ווי ווען, ווי וועם ס׳איז באשערט:
א שפיל מיט טיזול — — און מיט ג אט,
א מצווה־טענצל, די אויגן פארטרערט.



א טאנץ ארום פייער איז ס׳לעבן,
ס׳געבראטנס געכאפט, אויף דער גיך פארצערט;
אבער דערפאר קומט פון אליין אויס,
אז תמיד ווערט דאך דער אמת דערהערט.

דאס איז מסתם דער ריכטיקער פשט,
„אמת מארץ תצמח" — פון דער ערד!
טאקע פון יענע ניין טפחים טיף — —
ער שפראצט נישט, אבער דערהערט ער ווערט.

„גיי־פאקס נייט", 1973

## טהרי קארדס טריק"

1

ווי א שארמאנטער שאך־שפילער
האט ער אוועקגעגעבן
די מלכה און געבליבן מאט — —
אט דאס הייסט א כוואט — כ׳לעבן!

און אז אצינד דער קיביצער
שטייט אים אונטערן רוקן:
„יערוזאלעם"?. „דהי וועילינג" וואנט? .
„א גאנג, מען מוז זיך רוקן!"

2

ערד־קיילעך — דער ראלעט,
די גרויסע האלטן די באנק!
די קליינע „שוידערן";
א מיסיל, כאטש נאך א טאנק . .

דער האזארד, דאס סטראשן —
אויף טויז „שעל" שנעל שוין געשטעלט!
אויסנעמען כאטש א קרענק,
די גאנצע וועלט איינגעשטעלט.

3

אויב דאס מיינט פאליטיק,
איז צום שמוציקסטער טריק,
פון גניבהשסטן סמיק,
מזל־ברכה און גליק.

א קינדערשפיל — די ביקס,
רוק־צוק — איקס־מיקס־דריקס!
און וואס גרעסער דער ביקס —
טיפער פאר אים דער קניקס.

## „האנדעל, האנדעל, האנדעל“

צי איז עס נישט א פארויס־באצאלן שוין,
א מין האנטגעלט צו „העליוורן“ די זאכן ?
פאר די זעקס מיליאן אמעריקאנער יידן
א מין „שילומים־געלדער“ א „גוט־מאכן“.

צי מוז דען זיין גאז־קאמער, קרעמאטאריע,
צי קען מען דען נישט אזוי פארטיליקן?
בנשיקה־קושנדיק זיך אין די פיקסלעך !
א טויט שוין פון גאנצן הארץ צו באוויליקן.

די גאנצע ר׳ מאיר בעל־נס פושקע
פארפולווערט ווערט ווערן אין געווערן,
געפאנצערטע לאנג־קנעכט אויפצומארשירן
העלדיש זיך אויסצולעבן און — אויפצוהערן.

א בלינדער שמשון — א תמות־נפשי העלד !
נישט ברויכן שוין צומאל א וואנט צו טאפן,
א לעצט קינד ביי דער האנט וועט אים פירן,
מיט שטעקן מצבה־שטיין אנצוטאפן —

און דאס יינגעלע שעפס און וואלף זאל פירן,
ס׳וועט זיך שוין טאקע קיינמאל נישט באוויזן ?
יתגדל ויתקדש — לעצטער שמיי־דריי !
האנדעל, האנדעל, האנדעל — שמאטעס, אלט אייזן! !

אזא קאשמאר־חלום בלויז ס׳איז געוועזן,
צו טרייסטן נביא־אבל פארביטערט־בייזן;
ווארום א שאף אויפגעפרעסן מוז ווערן
פון א הונגעריקן וואלף, א לעמפערט א בייזן ?

## „חנוכה-געלט“ פאר די „בניסטאלין“

זיינען מיר געווען דער אייל פאר די רעדער,
איצט לעצטער פונק, וואס אונטער אש געבליבן,
דעם פלאם די גאנצע וועלט אונטערצוצינדן?
איר זייט זיך טועה ! געיאגטע און געטריבן,

דאס ביסעלע אייל געשפארט און באהאלטן
פארן ליכט די גאנצע וועלט צו באלייכטן —
דער נר־ו.מיד פאקל פאר אלע מענטשן,
צו דערזען מיט פרייד דעם ציל דעם דערגרייכטן.



אז וויפיל אטאמען דארף מען צו שפאלטן,
די גאנצע מענטשהייט שוין איצט צו דערנערן?
צי מוזן העך פריער מיליאנען קעפ
ווו די באניע־קערן צעשפאלטן ווערן ?

א קאזאק א פלאש־וואדקא אויפן קאפ,
פון גאנצן חתונה־טאנץ דער אנפירער —
פייזול, די בוגרת אינם כלה־שלייער,
אמין אין צילינדער דער חתן אירער.

## צום ליידיקן טיש אין זשענעווע

העלדישע שלום־הענט שטרעקן זיך אויס
פון סאלדאטן געפאלענע אין שלאכט,
מחילה־בעטנדיק איינערביים צווייטן:
דאס זעלבע וואס דו האב איך אויך געטראכט.

וואס ווייסן מיר ? יונג אונזערע בלוטן,
אבער אונזערע מאמעס — אלט און פארשמאכט.
אין געפאנגענשאפט אבער גענומען,
סאלדאטן לעבעדיק צורעכטגעמאכט ---

ווי א שאף אפגעשונדן, צעשטיקלט,
ארום אים געזונגען, געטאנצט און געלאכט.
פארשאלטן אזעלכע ווערן צוזאם
מיט די, וואס האבן זיי אויף וועלט געבראכט.
נ.ב.
שיקט דאך צו קריסטמעס האיאר דעם מאליק־עמלקל
פונם יום־כפור קריג א סאוועניר — איר ווייס וואס ?
פון זייער גולן־גולם גרויסן זיג, מישטיינסגעזאגט,
פון א יידישן סאלדאט אן אפגעשניטענע נאז.

## „שלום שלום ואין שלום“

א

אז וויאזוי קאן העך שלום זיין ?
דאך נאר פאוזע צו מאכן כלי־זיין !
מיר מענטשן־קינדער — די בני אדם
יושבי חושך“ — די הבל׳ס און קין.

ס׳איניציקע געבאט וואס מיר האלטן,
איז דאך נאר דער „עין תחת עין“!
א „די פאוזע“: פון דער צווייטער באק — —
און אצינד פון גאנצע וועלט באפרייען . . .

אויב ככל הגויים מיר זיינען,
טא וואס איז דא א סך צו בראָיען ?
די ריכטיקע כלים נאר האבן,
אונזערע כוחות וועל שוי סטאַיען . . .

ב

„אין שלום בעצמי מפני חטאתי״,
אז ככל הגויים דווקא מיר ווילן זיין,
האבן מיר דען אן אנדערע ברירה העמלט,
ווי צו זיין באַוואַפנט ביזגל איבער די ציין ?

א, דאס צעמישעניש פון אונז מענטשן־קינדער —
תמיד רק העלדן־געזאַנג און מאַמע־געוויין — —
אבער ווען מיר נישט איבער זעלבן חטא,
אין אלע תפוצות־לענדער אצינד אונטערגיין ?

יא, אויב ככל הגויים טאקע מיר זיינען,
איז מיט א גוי ווייניקער — — די וועלט וועט באשטיין!
„צדקה תציל ממות, צדקה תציל — —
די לעצטע פרוטה אין פושקע שטופט אריין . . .״

## „כי מותר האדם מן הבהמה . ״

. . און בלייבט אונז דען עפעס אנדערש איבריק
אין מינוט פון צער און געוואַלטיקער נויט,
ווי אנידערצופאַלן אין תפלה — — —
אז וואס איז דען די לעצטע רגע, דער טויט ?

אזא אומענדלעך, אייביק געבעט שוין,
אן שום מחשבה זרה, שא, שטיל, אן וואָרט;
אויסגעשטרעקט אויף אלע פיר, אין אין־סוף,
אזא חלק פון אים — נישט צייט מער, נישט אָרט.

געזען ס׳בילד בלויז פון די געפאַלענע,
האב איך נישט א געשריי געגעבן: „א ג אט ?!״
„כי מותר אדם מן הבהמה״ איז,
אז ער קאן וויינען; אז דאס וואָרט נאך ער האט.



## דאס נס — מזמן הזה

די וועלט שוין איין גרויס משוגעים־הויז,
איינער דעם צווייטן וואשט די געהירן;
דער זיין טשעק־ און דער זיין פארטיי־ביכל
מורא האט ער זאל עס נישט פארלירן.

שרעקלעך אין די בליקן אריין מ׳קוקט זיך,
און רייד קומען ארויס דול־פארדרייטע —
ס׳דרייען זיך בן־אדמלעך ווילד ארום,
קרום־פארדרייטע, פארשמייעט־פארשייטע.

זיס־זויער איינגעמאַכטס ס׳וואָרט אויף דער צונג,
און די הערצער פול מיט אלעם בייזן;
ס׳איז יעטוועדער איינער א משיח כאטש
צו באווייזן די וועלט אויסצולייזן.

א פארלויזטע טשופרינע ס׳מענטשעלע —
תמיד צום העכסט ר׳טוט זיך רק שטרעקן!
קלאר איז דער הימל, א בלוי־צעשטראַלטער,
און טיף אין דער בלאטע ער בלייבט שטעקן.

דער נס־שאק נאר דאס אטאם־באמבעלע שרעק !
ליגט מען פון דער זייט — וואדקא באַזאַפן,
און פון דער אנדערער — דאלאר־צעדולט,
האלט מען אין איין פארוואַסערטן בלאַפן.

## ווער ווייסט ?

דאס, וואס ס׳האט דער גוי ראַדזשערס
נישט געקענט טון אויספירן,
ס׳וועט דער יהודי אצינד —
אין די קוליסן־טירן
אונטער־ און צוקלאַפנדיק,
וואַנט מיט וואַנט צונויפפירן.

וואס ווייסט אזא מין יודע
וואס א כותל טוט מיינען,
ווען ס׳קומט א ייד פון עק וועלט
דאס הארץ זיינס אויס צו וויינען ?
ווער מעג ירושלים,
אויב נישט יידן פאַריינען ?

טויזנטער יאר געבלוטיקט,
פאר דיר זיך געלאזט טרייבן,
אז אצינד א „יערוזאלעם״,
אין גלות דו זאלסט בלייבן?
א קינד אבער און א מאמען,
א האפט ס׳זיך צונויפקלייבן?

„כל המיצר לישראל״,
קאן מען דען נישט טייטשן:
ווער ס׳וויל שלעכטס טון צו יידן,
פיפיק זיי אויסצובייטשן,
א יידישן פאכאלעק
אין האנט גיט ער די לייטשן?

א גאט, אפשר דאך פארקערט:
באשערט טאקע איצט א יידן,
דעם וועלט־שלום צו ברענגען;
די סאכע שוין צו שמידן,
ברויט פאר אלע פעלקער זיין,
און דער אייביקער פרידן.

## א סאנעט

(פאר ראביי ליפע באום וואס פירט אן מיט יידיש־קלאסן אין לאנדאן)

ווען די יידן פון ארץ־ישראל פארטריבן,
די שכינה מיט זיך אין גלות מיטגענומען;
אצינד מאמע־יידיש הא חלילה פארקומען,
ווייל איר קינד אין ישראל זיך צוריקפארקליבן?

נישט בחינם דעם „לב־טוב״ פאר איר געשריבן!
„זאל מיין רעכטע האנט מיר ווערן אפגענומען,
צונג א פארטרוקנטע צוקלעבן צום גומען״,
אויב אליין דו וועסט בלייבן איבערגעבליבן.

דיין איין־און־איינציקער דיך איבערגעלאזן,
„ברויועלע דער מאמען״ טוט צומאל נישט שרייבן?
געקליבענע אייניקלעך ארום זיך קלייבן — —

א באבע פאלט נישט אריין אין קיין ירגזון!
שיינע „בבא־מעשהלעך״ זי נעמט דערציילן,
איר מאמע־הארץ טוט „גענעזן״ און זיך היילן.



## ירושלים

ירושלים — ס׳הייליקסטע וואַרט,
של־מעלהדיק אייביק צו בלייבן;
די מלאכים־לייטער שטייט דארט אלץ,
צום געטלעכן זיך צו דערהייבן.

הבלען האט זיין ברודער דערהרגעט,
יעקב איז פאר זיינעם אנטלאפן — —
אזוי־א ציט עס זיך אומענדלעך,
בלויז אין הארץ דאס אייביקע האפן.

„עולים ויורדים״ — ארויף, אראפ
דער שלום־חלום פון די מענטשן;
ווען שוין פון לעצט געראנגל דער סוף,
מלאך־רע צומאל זאל אים בענטשן?

„ומלכי־צדק מלך שלם״ — —
ביז שלום איבער וועלט וועט ווערן,
אונזער ברויזיק בלוט — פאן איבער איר
הויך צו פלאטערן נישט אויפהערן.

## א קליינטשיק לידל נאך

מען דערציילט: דער ווארשעווער צענזער, א משומד,
געקומען צום „חדושי־הרי״ם״ אין א ניטל־נאכט;
א שאך צו שפילן מיט אים, צו שמועסן מכוח גאט;
ביז עלות־השחר האבן זיי אזוי פארבראכט —

ווי פון א בליץ אויפגעשפרונגען דער „חדושי־הרי״ם״:
„יא גאט, נישט גאט, אבער קריאת־שמע זאגן מוז מען דאך!״
דער משומד געהערט דעם „אחד!״ געזאגט ער האט:
„רבי, איר האט ביי מיר געוואונען, נישט נאר דעם שאך״.

## און צום סוף (א התנצלות)

האט דען דער מענטש מער ווי טרערן,
אויסצודריקן דאס וואס ער פילט?
בלויז אפשר גרעסער גאר דאס שווייגן?

אבער אזוינס איז דאך דאס ליד,
ס׳הארץ פארשנירלט מיט שטיל פערנייגן.

מען סילעט איף טרערן־געטריף,
שנירלעך געלעכערטע פערל,
א סמוטנער האלדז געטרייסט זיי טראגן —

פעטלע־שטריק ארום אייגענעם!
כארכלדיק ס׳ווארט ארויסצוזאגן.

האבן מיר דען עפעס אנדערש,
ווי הארץ צעשארבן אין ווערטער,
ווי אייגן אויפגעפלאצט מיט טרערן?

אבער אויך דאס טין שעמען זיך,
זיי צו ווייזן, צו לאזן הערן — —

בלויז ווער זוכה „ישב בדד“ —
בער אין נארע א ניגון ברומט —
א חיה־הקודש צו ווערן?

נ׳געדיכטן חשכות פארקראכן,
גאר אינגאנצן שוין אויפצוהערן.

משה שמיר

## דער נישט־אנאנימער סאלדאט

מיר האבן נישט קיין אנאנימע סאלדאטן.

ווען יעדער איינער פון אונז טוט א תפילה פארן לעבן פון אונזער ארמיי, פאר איר נצחון — גיט ער דער תפילה עפעס א נאמען. אין זיין הארץ און אויף די ליפן ברענגט ער ארויס אט דעם ספעציפישן נאמען, דעם נאמען פון זיין זון אדער ברודער, אדער פון זיין טאטן צי חבר.

מיר האבן נישט קיין אנאנימע סאלדאטן.

ווען יעדער איינער פון אונז ווייסט אז עס איז פאראן עמעצער וואס באשיצט זיין לעבן — ווייסט ער גענוי ווער עס איז אט דער איינער. ער קען דיר אפילו זאגן זיין נאמען.

מיר האבן נישט קיין אנאנימע סאלדאטן.

אויב דער הימל איבער אונזערע קעפ איז א ריינער — ווייסן מיר וועמען צו האנקען דערפאר. עס וועט אט דעם בחור נישט העלפן דאס אויסדרייען זיך צום פאטאגראפיר־אפאראט מיט דער פלייצע — מיר קענען אים. זיין אופן



רעדן וועט אים אויסגעבן, זיין באשיינדקייט און פשטות וועלן אים אויסגעבן. דאס מיידל וואס טוט א רוף: „אוי, דאס איז דאך דער . . .“

מיר האבן נישט קיין אנאנימע סאלדאטן.

ווען אונזערע קינדער גייען אין שול, ווייסן זיי גענוי ווו עס דינט דער לערער פאר נאטור־וויסנשאפט, און אויף וואס א טאנק עס פארט דער ספארט־אינסטרוקטאר.

און אין דער געגנט ווייסן אלע ווער עס איז אוועק און וואהין, אין וועלכער איינהייט. און איבערן גאנצן לאנד איז אויסגעשפרייט די נעץ פון גרויסן, פון טאטעס צו זין, פון מאמעס צו מאמעס, פון ישוב צו ישוב — אן אונטערערדישער בונד, דער סאמע פארצווייגטער און צוזאמענגעפלאכטענער אונטערערד־בונד פון זארג און ליבשאפט וואס קען געמאלט זיין איבער גאר דער וועלט.

אונזער סאלדאט איז נישט קיין אנאנימער — ווייל אונזער בירגער איז נישט קיין אנאנימער.

מיר קענען אים גוט, טיילמאל ביז ציין־קריצעניש. ער פארמאגט א שפארע דאזע פון זעלבסט־באוווסטזיין. ער האלט זיך ביי זיינע מיינונגען. ער פרעגט קשיות. ער וויל גוט באטראכטן יעדן ענין באזונדער. זאל מען אים נישט דערציילן קיין מעשיות, עס ארט אים — פאר זיך אליין, פאר זיין משפחה, פאר זיין ארגאניזאציע און פאר זיין פארטיי. און אויך שטענדיק — פאר עפעס אזעלכעס אין וואס ער זעט גערעכטיקייט, לאגיק, ערלעכקייט.

ער איז נישט קיין נאכגעבער. ער מישט זיך אריין אין יעדן ענין. ער האט ליב צו זיין אינעווייניק, אויפן ארט ווו די זאכן ווערן אפגעטון. ער איז א נייגיריקער, א מענטש מיט אן אייגענער מיינונג, א מאן מיט איניציאטיווע. ער וויל נישט פארבלייבן אנאנים.

במשך פון אלע טעג פון יאר ליידן מיר נישט ווייניק פון אט די אייגנשאפטן אונזערע. אבער אין צייט פון קריג — פארוואנדלען זיי זיך אין לעבנס־חכמה און האפערדיקייט, אין דערפינדערישקייט, אין פלינקייט, און אפילו אין וואלונטאריזם און אין זעלבסט־אפפער. אין צייט פון מלחמה בילדן זיי אט די באזונדערע קוואליטעט, די דערהויבנקייט צו הערואיזם און קדושה — פון נישט־אנאנימען סאלדאט, פונעם סאלדאט פון צה״ל.

●

אונזער סאלדאט איז נישט קיין אנאנימער — ווייל דאס לאנד וואס ער פארטיידיקט איז נישט אנאנים. דאס איז נישט קיין לאנד אין וועלכן מיר זענען צופעליק געבוירן געווארן.

די גרויסע מערהייט פון אונז לעבט נאך איבער דעם אויסוואל פון דעם דאזיקן לאנד ווי א פאטערלאנד, און באטראכט דאס ווי א צענטראלע פערזענלעכע איבערלעבעניש. אגרויסע מערהייט פון אונז איז דא אויפסניי געבוירן געווארן, פון זיין אייגענעם ווילן, לויט זיין אייגענער אנטשיידונג. ער האט געקעמפט צו קענען אהערקומען — אדער ער לעבט נאך איבער דאס

דאזיקע קאמף ווי א ירושה וואס איז אים איבערגעגעבן געווארן פון זיינע עלטערן אדער פון זיין סביבה.

דאס איז א לאנד וואס מיר האבן עס געגלוסט, וואס מיר האבן געפילט אונזער בונד מיט אים; דאס איז א לאנד וועגן וועלכן מיר האבן געלערנט און וועגן וועלכן מען האט אונז געלערנט — טיילמאל בעל־כרחו — אז עס איז נישט פאראן קיין גלייכנס דערצו, אז דאס איז די רעטונג פאר אונזערע לעבנס, אז דאס איז דאס איינציקע.

קען זיין אז פאר אנדערע איז בעסער די צופעליקייט, אדער די סתם־נאטירלעכקייט פון א פאלק וואס לעבט אין זיין לאנד ווי א בוים אדער גראז, אדער דער געווימל. אנדערע קענען אפשר ליבערשט גלייכהאלטן אזא געפיל. פאר אונז איז ליבער דער אויסוואל, דאס דערווערבן דאס לאנד מיטן פולן באוווסטזיין, דורך שליסן א בונד, דורך אויסקלייבן אט דעם גורל.

אונז איז ליבער א לאנד וואס איז נישט אנאנים, וואס פארמאגט א נאמען — און דער נאמען איז אונזער נאמען.

•

אונזער סאלדאט איז נישט אנאנים — ווארום אונזער פאלק איז נישט אנאנים.

נישט קיין געאגראפיע האט אים אויסגעפורעמט, נישט די קלימאטישע באדינגונגען האבן אים אויסגעקריסטאליזירט, נישט די היסטארישע דרוק־כוחות האבן אים צונויפגעפרעסט.

דער אליין־באוווסטזיין, דאס אנרופן אים ביים נאמען און דאס וויסן דעם נאמען — אט דאס איז דער וועזן פונעם לאנד.

דאס פאלק האט אויסגעוויילט צו זיין א פאלק, צו פארבלייבן א פאלק — נאך אזן קעגן טויזנטער אויספרווון. דאס פאלק האט זיך אליין דערקלערט פאר א פאלק נאך דעם ווי מען האט אים געשטעלט די פראגע: „ווער ביסטו?“ מיט פייער און שווערד, מיט גירושים און מיט פארלענד, טויזנט טויזנטער מאל — אוןדאס פאלק האט געהאלטן אין איין איבערחזרן, עקשנותדיק: „איך בין א ייד!“ יא, אזוי האט עס געזאגט: „איך וויל, איך בין מודה דערין, איך האב דאס אויסגעקליבן — איך בין א ייד“.

ווער איז א ייד? — דער נישט־אנאנימער ייד איז א ייד!

דער ייד איז א מענטש מיט אומאיבערייסלעכן אליין־באוווסטזיין. דאס דערגרייכט ביז די סאמע טיפענישן פון דער נשמה. דאס באשווערט דאס לעבן. דאס ברענגט נישט איין מאל צו פרוסטראציע, צו אינערלעכער קאנפוזיע, צו זעלבסט־קריטיק, צום נאכטראכטן און נאכקוקן יעדן אייגענעם טאט און יעדן שריט — צו דעם וואס די גליקלעכע מענטשן פון דער וועלט רופן: „אומנאטירלעכקייט“.

אבער געבענטשט זאל זיין דער וואס האט אונז באשאפן ווי יידן.

•



ווארום איבער אט די אלע זאכן — האבן מיר נישט קיין אנאנימע סאלדאטן.

מיר קענען זיי, מיר אידענטיפיצירן זיך מיט זיי, אין יעדער שעה און אין יעדער מינוט פונעם מעת־לעת. זיי קענען אונז און זיי אידענטיפיצירן זיך מיט אונז — אין יעדער שעה און אין יעדער מינוט פונעם מעת־לעת.

מען אטעמט צוזאמען, מען קעמפט צוזאמען, מען פאלט און מען שטייט אויף צוזאמען.

מיר האבן נישט קיין אנאנימע סאלדאטן.

„פרעסע־דינס פאלק און ציון“

י ו ס ף  ו ו י י נ ש ט י י ן

## דער פסק דין (א חסידישע מעשה)

רב שמואל ברייך, א איד א סוחר, איז געווען א ספירט־הענדלער. ער האט פארמאגט אין א דארף ניט ווייט פון לובאוויטש, אן אייגענע ווערקשטאט צו טרייבן ספירט, און דערביי שען פארדינט. דאס האט אים ניט אפגעהאלטן צו זיין א בעל־צדקה, טיילען נדבות מיט דער ברייטער האנט. און געווען איז ער א ווארעמער חסיד פונעם הייליקן לובאוויטשער רבי, א זון פונעם בארימטן „צמח־צדק“, זצ״ל, ביי וועמען ער איז געווען אן אפטער גאסט, בפרט אויף א יום־טוב, האט מר. ברייך ליב געהאט צו פארברענגען איניקע טעג אין דער מסיבה פונעם הייליקן רבי. — און דערפאר איז דער שמש פונעם רבין געווען פארוואונדערט צו זען מר. ברייך אנקומען אין א וואכנדיקן טאג. מר. ברייך האט אים אבער געמאלדן אז ער וואלט וועלן זען דעם רבין וואס שנעלער מכח אן ערנסטן ענין. און ווי נאר ער האט אים דערזען, אזוי האט ער גענומען וויינען מיט הייסע טרערן . . דער רבי, דערשטוינט, האט אים געפרעגט די סיבה פון זיין ליידן. — ווי אייך איז באקאנט, רבי — האט אנגעפאנגען מר. ברייך מיט א צעבראכן קול — בין איך א סוחר פון ספירט וואס ווערט אויסגעארבייט ביי מיר אין ווערקשטאט. איך באצאל רעגלמעסיק די טאקסע וואס קומט דער רעגירונג, וואס האט אוועקגעשטעלט ביי מיר אין פאבריק, אזא מאשינקע וואס פארצייכענט יעדן טראפן אויסגעארבייטע ספירט, און אזוי פירט זיך דאס פון כמה און כמה יארן, ביז דעם טאג ווען מיינער אן ארבייטער — א גוי — איז געכאפט געווארן פון א צווייטן, ווי ער צאפט ספירט פון א רער וואס ער האט אדורכגעלעכערט. דער צווייטער האט אבער באשטאנען צו שווייגן, בתנאי זיי זאלן זיך טיילן מיט די פארדינסטן. און אזוי איז אנגעגאנגען זייער שווינדל, ביז זיי האבן זיך צעאמפערט, איז דער שותף אוועק אויסגעבן דער פאליציי די גנבות פון זיין חבר, וועלכן מ׳האט ארעסטירט. דער גנב האט זיין פארברעכן ניט אפגעלייקנט, נאר זיין טענה איז געווען אז דאס האב „איך“ אים געצווינגען צו צאפן דעם ספירט פון א לאך וואס ער האט אויגעבויערט אונטער דעם אלעמביק־קעסל, איידער דער ספירט פליסט־צו צום אקציז־מאשינקע, און אזוי ארום באשווינדלען דעם צאל־אמט. אויף דעם סמך, בין איך גלייך ארעסטירט געווארן. איך האב

איינגעצאלט א גרויסע סומע געלט, מע זאל מיך לאזן פריי צייטווייליק, ביז צום פראצעס . . . און דאס ערשטע, בין איך, פארשטייט זיך, געקומען צו אייך, רבי, איר זאלט מיר עצה'ן וואס צו טאן. — עס איז איבעריק אייך, רבי, צו זאגן אז דורך דעם בלבול, די אויסגעטראכטע מסירה, פון וועלכער איך בין אן אונשולדיקער קרבן — געפין איך זיך אין א שרעקלעכער סכנה:— די פאלשע שבועה פונעם באטריגער, די אפגעקויפטע עדות, די אנטיסעמיטישע שופטים, די געשוואוירענע אלע שונאי ישראל — דאס קען פירען חס וחלילה, איך זאל זיין פארמשפט אויף יארן־לאנג שווערע קאטארגע, און פארלירן מיין געזונט, מיין לעבן — שוין ניט רעדענדיק פון מיין פארמעגן — און איבערלאזן מיין משפחה אין דער גרעסטער נויט! — איך בין פארצווייפלט, רבי — האט מר. בריין פארענדיקט אין א וויינענדיקן קול . .— און אזויווי דוד המלך — שריי איך אויך: מאין יבוא עזרי ?!—פון וואנען וועט קומען מיין הילף! . . .

דער הייליקער רבי איז געזעסן, און מיט גרויס אויפמערקזאם אלעס אויסגעהערט . . זיך פארטראכט א רגע, און א זאג געטאן: — זיי וויסן, מיין זון, אז דער טייטש פונעםווארט: „מאין“, איז ניט בלויז: „פון וואנען“. . . מאין קען אויך הייסן, פון א „גארניט“, פון א צופאל, פון א ניט פארויסגעזעענע געשעעניש . . און דערפאר, מיין זון, דארפסטו האבן אמונה אינעם רבש"ע: ער וועט דיר — בלי נדר — ארויסרעטן פון דיין סכנה!. . — גע אהיים, מיין זון, און ווי ביז היינט, זאלסטו ניט פארפעלן צו שיינקען צדקה לעניים, ווארעם צדקה תציל ממות! — און אז די וועסט באגעגנען א אידן וואס געפינט זיך אין א נויט און וועט אויסשרייען אזוי ווי דו יעצט: „מאין יבוא עזרי“ — זאלסטו, ווי תמיד, אים קומען צו הילף אין זיין אומגליק, ווייל אויב דו וועסט אים, פון זיין „מאין“ ארויסהעלפן, אזוי וועט דער רבש"ע, בלי נדר, דיך פון דיין „מאין“ אויך ארויסראטעווען. — מיט גרויס בטחון אינעם רבינס טרייסט־ווערטער איז מר. בריין אהיים געפארן. אויפן אנדערן טאג, זייענדיק אין בית־המדרש, האט ער דערהערט אז א גרויס אומגליק האט געטראפן זיינעם א ידיד — ר' איצע־בער, א בעל־אכסניא וועלכער איז אפגעברענט געווארן, און געבליבן מיט זיין משפחה, ממש ווי אויפן וואסער . . אט דער אומגליק האט שטארק באַרירט מר. בריין, אז ער האט פארגעסן אין זיינע אייגענע צרות . . און ווי נאר ער האט אפגעדאווענט, אזוי איז ער אוועק זען דעם ארימען נשרף, וועמען ער האט געטראפן, אזוי דערשלאגן, אזוי באטריבט, אז ס'איז אויף אים געווען א גאטס רחמנות. מר. בריין האט אים געטרייסט אז דער בורא עולם וועט אים ניט פארלאזן, אויך אים פארגעלעגט א גמילת־חסד, צו קענען צוריק אויפבויען די שטוב, און גאט ברוך הוא וועט דיר העלפן זאלסט קענען לאנגזאם אויסצאלן דעם חוב.

— וואס רעדטסטו, טייערער ידיד! — האט אויסגעשריגן דער פאראומגליקליכער — ווי אזוי קען איך זיך דערלויבן ביי דיר אויסלייען געלט, בעת דו אליין געפינט זיך יעצט אין אזא טרויעריקע לאגע?. . — זיי ניט וועגן מיר באזארגט — האט ממשיך געווען דער נשרף — דער רבש"ע איז אן



„קל מלא רחמים“ — ער וועט מיך ניט פארלאזן — דו ווייסט דאך וואס מיר לייענען אין תהלים: „מאין יבוא עזרי“: — פון וואנען וועט קומען מיין הילף? — און דער ענטפער איז: — „עזרי מאת ה' עושה שמים וארץ“, איז דער טייטש, אז מיין הילף וועט קומען פונעם רבש"ע!. . — ביי די ווערטער האט מר. בריין זיך דערמאנט אין די ווערטער פונם לובאוויטשער רבי: — איז דאס ניט א רמז — האט ער צו זיך געזאגט — א צייכן פון גאט ברוך הוא— אז ער זאל קומען צו הילף זיין אומגליקליכן פריינט, און דערפאר וועט ער אויך געהאלפן ווערן! . . און ניט לאנג געטראכט איז ער אוועק צו זיך, צענויף גענומען א סומע געלט וועלכע ער האט געבראכט דעם נשרף און אים ממש געצוואונגען ער זאל אים, זיין אנבאט ניט אפזאגן . . — גערירט ביז צו טרערן, האט אים דער ארעמער פאראומגליקטער הארציק אפגעדאנקט, און אים געווינטשן, אז דער רבש"ע — אין זיין גרויסן חסד — זאל אים ביישטען אין זיין טרויעריקער לאגע, אזויווי ער איז אים געקומען צו הילף אין זיין אומגליק!. . .

א פאר וואכן שפעטער איז פארגעקומען דער פראצעס אין בית־המשפט קעגן מר בריין. אידן זענען געגאנגען אין שול זאגן תהלים, אנדערע זענען אוועק אין טריבונאל, זאגן עדות לטובת דעם אנגעקלאגטן סוחר — דער פראקוראר האט אפילו פארלאנגט מ'זאל צוטיילן די גרעסטע שטראף דעם פארברעכער וועלכער האט באגנב'ט דעם אקציז־טאקסע און גענויט זיינע ארבייטער אים מיטהעלפן אין זיין שווינדל. און געבראכט האט דער פראקוראר פארן שופט די 2 ארבייטער וועלכע האבן באשטעטיקט די באשולדיקונג . .— דער ארעמער מר. בריין, האט מיט טרערן אין די אויגן, געשוואוירן אז ער איז אין דער אנקלאגע גענצלעך אומשולדיק, אז ער האט אלע זיינע יארן ערלעך געפירט זיינע געשעפטן און תמיד באצאלט ריכטיק די טאקסע אויפן ספירט — און זיין גאנץ לעבן האט ער קיינעם ניט געזוכט צו באטריגן . .— דער שופט האט צום סוף זיך געווענדעט צו די געשוואוירענע, און זיי ערקלערט אז די פראגע איז וועמען צו גלויבן: — האבן צוטרוי צו די 2 עדות, וועלכע באשטעטיקן צו האבן אנטייל גענומען אין דעם שווינדל, און דאס זייער באלעבוס האט זיי דערצו געצוואונגען — אדער גלויבן דעם אנגעקלאגטן וועלכער שווערט צו זיין ריין פון דער גנבה — און דער שופט האט ממשיך געווען: — יעצט וויל איך איבערגעבן א קורצע געשיכטע, וואס קען האבן א געוויסע שייכות מיט דעם היינטיקן פראצעס: . . — מיט יארן צוריק האט א צוועלף־יעריק אינגל באשטימט פארן מיט דער באן צו זיינעם א פעטער. ביי א געוויסער סטאציע האט ער באדארפט ארויסשטייגן נעמען א צווייטן צוג — אין צווישן־צייט איז ער אריין אין בופעט און דארט עטוואס געטרונקען — לאזנדיק זיין רענצל ביי דער טיר פון בופעט — ווען ער איז, אייניקע מינוט שפעטער, ארויס, האט ער זיין רענצל ניט מער געטראפן, אין וועלכן ס'איז געלעגן זיין באן־בילעט און זיין געלט . . פארצווייפלט און ניט וויסנדיק וואס צו טאן, האט דאס אינגל ארומגעוואנדערט אין דער באן־סטאציע זוכן זיין רענצל . . גאנצע צוויי טעג האט ער זיך אזוי געפלאגט,

געליטן הונגער און קעלט, געשלאפן אויף א הילצענער באנק . . ניט געוואגט בעטן א פארבייגייער זאל אים באהילפיק זיין . . אויך איז יעדער רייזנדער געווען פארנומען מיט זיך . . און קיינער האט דאס אינגל אפילו ניט באמערקט . ביז, ענדלעך, האט א רייזנדער, א יונגערמאן, עטלעכע און צוואנציק יאר אלט, מיט א טעקע אין האנט: — געווען מן הסתם א סוחר — זיך אפגעשטעלט לעבן אינגל, און זעענדיק זיין בלאס פנים, האט ער פארשטאנען אז דאס אינגל האט זיכער שוין לאנג ניט געגעסן . און ניט לאנג געטראכט, האט דער סוחר אים איינגעלאדן אין בופעט עפעס עסן . . דאס אינגל האט זיך מחיה געווען, ממש אויפגעלעבט . . און זיצנדיק צוזאמען, האט דער סוחר אים אויסגעפרעגט ווער ער איז . . זיך דערוויסנדיק וועגן אומגליק וואס האט דעם אינגל געטראפן, האט דער סוחר אים גלייך באזארגט מיט א באן־בילעט, אויך אים געגעבן טאשן־געלט, און פארבראכט מיט אים ביז די באן איז אוועק־געפארן . . דאס אינגל האט ביים סוחר פארלאנגט זיין אדרעס, אים צו קענען אפשיקן דעם חוב, אבער דער גוטער מענטש האט אים געענטפערט:

— מיין קינד! — איך נייטיק זיך אין קיין געלט . . נאר איין זאך וויל איך האפן: ווען דו וועסט עלטער ווערן, ווערסטו זיכער האבן א געלעגנהייט קומען צו הילף א נויטבאדערפטיקן: אט דאס — מיין קינד — און נאר דאס, וועט זיין מיין באלוינונג!. . — מיינע הערן! — האט דער שופט אויסגערופן צו די געשוואוירענע ריכטער . . — אט דאס אינגל פון וועמען איך האב אייך נאר וואס דערציילט די געשעעניש, איז ניט געווען קיין אנדערער ווי נאר איך אליין!. . און דער בארעמהארציקער יונגערמאן וועלכער איז מיר געקומען צו הילף אין מיין פארלעגנהייט, דאס איז געווען אט דער מענטש וועלכער שטעט פאר אייך, ה׳ שמואל ברייך, וועמען איר האלט ביי משפטן!. . — יא, מיינע פריינט! — האט דער שופט פארגעזעצט — יארלאנג איז מיר פארבליבן דער אנדיינק פון דעם מאנס פריינטלעך פנים, פול מיט גוטסקייט, און כ׳האב געהאפט איינעם טאג צו קענען באצאלן א טייל פונעם הייליקן חוב . אויפן ערשטן מאמענט האב איך דעם מאן ניט דערקענט . . אבער זיין הארציקע שטימע האט אזוי מאדנע אפגעקלינגען אין מיינע אויערן, אז פלוצים האב איך זיך דערמאנט אינעם קול פון מיין רעטער . . און כ׳האב אים גלייך דערקענט!. . מיינע הערן! — אט דער מאן וואס שטעט פאר אייך קען ניט זיין קיין גנב און ניט קיין שווינדלער!. . איינער וועלכער האט באוויזן צו זיין אזוי גוטהארציק צו אן אונבעקאנטן, און אים קומען צו הילף אין זיין נויט, אזא מאן קען ניט באגען דאס פארברעכן אין וועלכן ער ווערט באשולדיקט . . ניין! . איך קען שווערן אז דער מאן איז אומשולדיק!! — די געשוואוירענע ריכטער האבן בארעט צווישן זיך די פראגע און באשטימט פארהאלטן די צוויי עדות וועגן א נייע אויספארשונג. און עס האט לאנג ניט געדויערט, און די 2 ארבייטער האבן צום סוף מודה געווען אז דאס האבן זיי — ביידע צוזאמען — געגנבט דעם ספירט, און אז זייער בעל־הבית איז פרעמד אין דעם שווינדל . . — דער „פסק־דין“, אז שמואל ברייך איז אומשולדיק — איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, און ער איז תיכף באפרייט



געווארן. און דאנקנדיק דעם רבש״ע פאר דעם חסד וואס ער האט באוויזן און אים אויסגעלעזט פון אזא פארלוימדונג, האט מר. ברייך זיך דערמאנט אין דער עצה פונעם לובאוויטשער רבין: — זיי באהילפיק, אן איד וואס איז אין א נויט, און דער בורא עולם וועט דיר אויך ביישטען אין דיין סכנה, און פונעם „מאין“ — פון אן איינפאכן צופאל וועט קומען דיין ישועה!

אסתר ערליכמאן

## דער וואנדערער

ער וואנדערט איבער בערג און טאהלען, און אויף די ברעגן פון רוישנדיקע ימען. איבער וועלדער ער הערט פויגל געזאנג. און ער זינגט א פארביינקטער, טייערע שיינע פויגל איר האט נעסטן, איר האט היימען, וואו איז, וואו איז מיין היים? וואו ביזטו מיין אויסגעחלומט היים, וואו אלץ וואקסט און בליט — און די זון שיינט און עס איזווארים. דא אויף מיין וואנדער וועג בין איך יעדן פרעמד. און דער וואנדערער זינגט ווען וועל איך קומען צוריק אהיים?

דאס ליד האב איך געהערט זינגען מיט צענדליקער יארן צוריק. די מוזיק איז פון פראנץ שובערט!

איך האב אליין אויך דאס ליד געזונגען ווען איך בין נאך יונג געווען, איך געדענק די ווערטער, אבער היינט קען איך ניט זינגען . .

און אז איך האב היינט געהערט אין ראדיא פלוצלונג זינגען דאס ליד האט עס אויף מיר געמאכט גאר א אנדער איינדרוק. דערווארט וואנדערער איז מיר טרויעריק באקאנט, מיר זענען דאך א וואנדער פאלק, מיר זיינען אין אונזער געשיכטע, געווען געצוואונגען צו וואנדערן. און זוכן א ווארימע היים, און ווארימע בליקן, אבער מיר האבן דאס ניט געפונען. מיר זענען אומעטום געווען און פארבליבן פרעמדע . . הער איך דאס ליד געזונגען פון א דייטשן זינגער, זייער הארציק אין דער דייטשער שפראך. און איך האב געהאט דעם פארלאנג עס צו פרעגן צי פילט ער אין זיין זינגען דאס וואס איך פיל ביים הערן? ווייל איך ווייס וועס עס הייסט וואנדערן, און אויסוואנדערן, נאך גאר יונג האב איך געוואנדערט איבער לענדער, און מיין געדענק איז געווען אזוי ווי אין דעם ליד ווען ווען? וויל איך קומען צוריק אהיים? וואו זיינען יענע שיינע געצירטע וועלדער? וואו זענען די גרויסע קארן פעלדער וואו צווישן די גאלדענע זאנגען זענען געוואקסן די בלויע קארן בלומען די וואלקענס אבער א שטילע שטימע ענטפערט מיר. ניטא יענע היים. אויף יענע פעלדער וואקסן ווילדע גראזן, און ברענענדיקע קראפיוועס. ניטא דארטן קיין פרילינגס. בייזע ווינטן האבן אלץ פארוויסט צושטערט, און פויגל קענען מער דארטן ניט זינגען. בלייבט מען פרעמד. און אין שטענדיקער ביינקשאפט.

אייזיק גאלדבערג

# א ניי לעבן

— געווידמעט צום געבוירן־טאג פון אונזער ערשט אור־איניקל,
רפאל דאנאף —

ווידער איז צו אונז געקומען
א ניי לעבן, א נייער דור,
און דערצו, ווי ביי אונז יידן,
א בן־זכר און א בכור!

און עס איילן באבעס, זיידעס,
טאטעס, מאמעס, גיך, געשווינד
זיך צו פרייען מיט דעם נחת,
וואס באשערט ס'איז זיי אצינד.

אלע שטייען, מען באוואונדערט
אט דאס קליינע קינדעלע,
ווי עס ליגט זיך אינם וויגל,
ארומבאקליידט מיט א ווינדעלע.

אלעס פרייט זיך, אלעס דרייט זיך,
ס'איז א קאך, ווי אויף א יאריד,
צו דער שמחה, יא מ'גרייט זיך,
מיט פולע הענט, מ'ווערט נישט מיד.

און ער ליגט אזוי זיך רואיק
אין זיין וויגל גוט און פרום . .
יא, עס ארט אים נישט דערווײלע
וואס עס טוט זיך ביי אים ארום.

געקומען ביסטו ווען אלע פעלקער
לעבן יעצט נישט אין קיין שלום,
און ישראל צווישן זיי
מיט זיין אויסגעבענקטן חלום . . .

יא, מיר גלויבן און מיר האפן,
סאיז אלץ א חלום און נישט מער.
און עס פינקלען פון די אויגן
אזש פאר פרייד ביי אונז א טרער . . .

יא, ביז דאמאלס דארף מען האפן
אויף גוטע צייטן ערגעץ־וואו . .
און דערווײלע, שלאף זשע, טייערער,
שלאף זשע איי־ליו, ליו־ליו, לו . . .



וויליאם סאראיאן

# די שלאנג

שפאצירנדיק דורכן פארק אין מאי, האט ער דערזעען א קליינע, ברוינע שלאנג אוועקקריכן פון אים איבער גראז און בלעטער, און ער האט זיך א לאז געטון נאך איר מיט א לאנגער צוויג, פילנדיק דערביי די אינסטינקטיווע שרעק, וואס מענטשן האבן פאר קריכנדיקע ברואים.

אה, האט ער זיך געטראכט, אונזער סימבאל פון בייז, און האט אנגערירט די שלאנג מיט דער צוויג, וואס האט זי געמאכט זיך דרייען און דרייען. די שלאנג האט אויפגעהויבן דעם קאפ און אנגעגריפן די צוויג, דערנאך ווי א פייל פון בויגן זיך א לאז געטון דורכן גראז, איילנדיק מוראדיק, און ער האט זיך א יאג געטון נאך איר.

זי איזגעווען זער שיין און קלוג צום באוואונדערן, אבער ער האט בדעה געהאט זי הערוויל נישט אפצולאזן, כדי עפעס אויסצוגעפינען וועגן איר.

די קליינע, ברוינע שלאנג האט אים גענומען שלעפן טיפער און טיפער אין פארק אריין, אזוי, אז ער איז פארבליבן אויג אויף אויג מיט איר. ער האט באקומען א געפיל ווי איך זיך יאגן נאך דער שלאנג האט ער עובר געווען אויף עפעס א פאראָרדנונג פון פארק, און זיך פארגענומען צו געבן אן אויסרייד יענעם, וואס וועט אים אנטדעקן. איך בין א פארשער פון היינט־צייטיקער מאראל, איז אים געקומען אויף דער מחשבה צו זאגן, אדער, איך בין א סקולפטאר און שטודיר די סטרוקטור פון שלאנגען. ער וועט שוין געפינען א גריילעכן תירוץ.

בשום אופן וועט ער נישט זאגן, אז ער האט בדעה געהאט צו טייטן די שלאנג.

ער איז געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער ביי דער זייט פון דער קריכנדיקער בריאה, א שפרונג טועגדיק פון צייט צו צייט, כדי אנצוהאלטן מיט איר ביז די שלאנג איז מיד געווארן און נישט געקענט ווייטער זיך באוועגן. האט ער זיך אראפגעלאזט אויף די קנעכלעך, כדי אזוי ארום צו קענען נענטער זיך צוצוקוקן צו איר, האלטנדיק די שלאנג פאר זיך און אנרירנדיק זי מיט דער צוויג. ר'האט זיך מודה געווען, אז ער שרעקט זיך זי אנצורירן מיט דער האנט. אנצורירן א שלאנג האט דאך באטייט אנצורירן עפעס מיסטעריעזעס אין א מענטשנס מחשבה, עפעס וואס מען טאר גארנישט מגלה זיין. דאס האזיקע גלאט גליטשנדיקע, און דאס דאזיקע שרעקלעך שווייגנדיקע, איז דאך אמאל געווען א מענטשלעך וועזן, און איצט, אז דער מענטש האט דערגרייכט זיין אנטגילטיקע געשטאלט, קריכן נאך די שלאנגען איבער דער ערד פונקט ווי קיין שום ענדערונג וואלט בכלל נישט פארגעקומען.

דער ערשטער זכר און די ערשטע נקבה לויטן תנ"ך; און עוואלוציע. אדם און חוה, און דער מענטשלעכער עמבריא.

זי איז געווען א פרעכטיקע שלאנג, ריין און גרעציעז און פרעציעז.

דער שלאנג׳ס מורא האט אים אנגעשראקן און א פאניק האט אים אנגעכאפט ביים געדאנק, אז אלע שלאנגען אין פארק קענען נאך אומבאמערקט קומען צוהילף דער קליינער, ברוינער שלאנג און אים ארומרינגלען מיט זייער בייזוויליקער שטילקייט און אומדערטערגלעכן שווידער פון זייער איבלדיקער פארם. היות דער פארק איז געווען גרויס, האבן זיך דארט געמוזט געפינען מסתמא טויזנטער שלאנגען. ווען אט די אלע שלאנגען געפינען אויס וואס ער טוט אן דער דאזיקער שלאנג, וואלטן זיי גאנץ לייכט געקענט אים פאראליזירן.

ר׳האט זיך אויפגעשטעלט און ארומגעקוקט. א שטילקייט האט געהערשט איבעראל. די דאזיקע שטילקייט איז געווען כמעט ווי די שטילקייט פון בראשית. ער האט געקענט הערן ווי א פייגעלע שפרינגט פון צווייג צו צווייג אויף א נידעריקן קוסט נעבנביי. ער אבער האט זיך געפונען איינער אליין מיט דער שלאנג. האט אינגאנצן פארגעסן, אז ער געפינט זיך אין אן עפנטלעכן פארק אין א גרויסער שטאט. אן עראפלאן איז פארבייגעפלויגן אין דער הייך, ער אבער האט גארנישט געהערט און גארנישט געזען. די שטילקייט איז געווען צו בולט און זיין בליק צו בולט אויף דער שלאנג פאר אים.

ער האט זיך ווידער אראפגעלאזט אויף די קנעכלעך און אנגעהויבן זיך צו אונטערהאלטן מיט דער שלאנג. זי האט ביי אים ארויסגערופן אן אינערלעך און אויסערלעך געלעכטער דערמיט וואס זי האט באשיינפערלעך די געשטאלט פון א שלאנג אזוי וועזנטלעך פאר אים, מחוץ זיין אייגן וועזן. פלאך אויפן פנים פון דער ערד אנשטאט א כיטערדיקן חלק פון זיין אייגענעם איך. לכתחילה האט ער מורא געהאט צו רעדן הויך, נאר מיט דער צייט איז אים אפגעגאנגען די שרעק און ער האט גענומען רעדן צו איר. עס איז געווען גאנץ אנגענעם צו רעדן צו דער שלאנג.

— גאנץ ריכטיק, — האט ער געזאגט — דא בין איך, א יונגער מענטש, וואס לעבט אויף דער זעלביקער ערד, אונטער דער זעלביקער זון, און מיט די זעלביקע געפילן. און דו געפינסט דיך אויף אט דעם ארט פאר מיר, די זעלביקע. די לאגע איז די זעלביקע. וואס האסטו בדעה צו טון? צו אנטרינען? איך וועל דיך נישט לאזן אנטרינען. וואס האסטו אויף דער מחשבה? וויאזוי וועסטו דיך פארטיידיקן? איך האב בדעה דיך אומצוברענגען ווי א פליכט לגבי מיינע מיטמענטשן

הילפלאז האט די שלאנג זיך געצופט און געריסן פאר אים, נישט אימשטאנד אויסצומיידן די צווייג. איינציקע מאל האט זי אנגעגריפן די צווייג און געווארן צו מיד זיך צו קימערן איבער איר. ר׳האט אוועקגענומען די צווייג, און געהערט די שלאנג זאגן,

— א דאנק אייך!

ער האט גענומען פייפן צו דער שלאנג, כדי צו זעען צי מוזיק וועט האבן עפעס אן איינפלוס אויף אירע באוועגונגען, צי זי וועט אנהויבן טאנצן. „דו ביסט מיין ליבע" האט ער געפיפן; שובערטס מוזיק פארוואנדלט אין א ניו־יארקער מוזיקאלישער קאמעדיע; „מיין איינציקע ליבע, מיין איינציקע



ליבע"; אבער די שלאנג האט נישט געטאנצט. אפשר עפעס אן איטאליענישע אריע, האט ער זיך געטראכט, און גענומען זינגען „לא דאננא ע מאבילע", בכיוון שלעכט ארויסריידנדיק די ווערטער, כדי זיך צו אמוזירן. האט פרובירט א וויגליד פון בראמס, נאר די מוזיק האט בשום אופן נישט געהאט קיין איינפלוס אויף דער שלאנג. זי איז געווען מיד. זי איז געווען דערשראקן. זי האט געוואלט זיך אפטראגן.

פלוצלינג האט ער אנגעהויבן זיך וואונדערן אויף זיך אליין; עס איז אים איינגעפאלן צו לאזן די שלאנג גיין, זי צו לאזן זיך אוועקגליטשן און פארלוירן גיין אין אירע אייגענע עולמות נאר פארוואס אייגנטלעך זאל ער זי לאזן אנטרינען?

ער האט אויפגעהויבן א שווערן פעלזן פון דער ערד און זיך געטראכט:

איצט וועל איך דיר צעשמעטערן דעם קאפ און זעען ווי דו פגרסט.

צו צעשמעטערן די דאזיקע איבלדיקע גראציעזקייט, צו צעהאקן די דאזיקע זינדיקע ליבלעכקייט.

גאר מאדנע, גאר מאדנע. ר׳האט נישט געקענט לאזן פאלן דעם פעלדז אויפדער שלאנגס קאפ, און פלוצלינג גענומען באדויערן זיך אליין. — עס טוט מיר לייד, — האט ער געזאגט, לאזנדיק פאלן דעם פעלזן צו דער ערד.

— פארגיב מיר, ווארום איך זע אייך, אז איך האב נאר ליבשאפט פאר דיר.

און ער האט געוואלט אנרירן די שלאנג מיט די הענט, זי האלטן און פארשטיין דעם אמת פון איר באריר. עס איז אים אבער אנגעקומען שווער. די שלאנג איז געווען דערשראקן און יעדעס מאל ר׳האט אויסגעשטרעקט א האנט זי אנצורירן, האט ד שלאנג זיך געגעבן א דריי אויס און געמאכט אן אנגריף אויף אים. — כ׳האב בלויז ליבשאפט פאר דיר, — האט ער געזאגט.

— דארפסט נישט מורא האבן. כ׳וועל דיר נישט טון קיין שלעכטס.

גיך האט ער א נעם געטון די שלאנג און זי אויפגעהויבן פון דער ערד, דערפארן דאס אמתע געפיל פון איר, און זי געלאזט פאלן — איצט — האט ער געזאגט — וו׳ס איך שוין דעם אמת. א שלאנג איז קאלט, אבער זי איז ריין. זי איז נישט ש׳ליימיק, ווי איך האב געמיינט.

ער האט געשמייכלט צו דער קליינער, ברוינער שלאנג — קענסט שוין נעמען דיין וועג — האט ער איר געזאגט. — די אינקוויזיציע איז פאריבער. דו לעבסט נאך. האסט דיך געפונען פנים־אל־פנים מיט א מענטש, און דאך לעבסטו נאך. קענסטו הולכן.

אבער די שלאנג האט זיך נישט גערירט פון ארט. זי איז געווען אינגאנצן דערשעפט מחמת מורא.

ער האט זיך געשעמט פאר זיך אליין צוליב דעם וואס ער האט געטון, און בייז אויף זיך אליין. ג׳אט, האט ער זיך געטראכט, איך האב אנגעווארפן א פחד אויף דער דאזיקער קליינער שלאנג! זי וועט עס דאך נישט איבערלעבן. זי וועט דאך תמיד געדענקען ווי איך בין געזעסן אויף מיינע קנעכלעך איבער איר.

— אום ג׳אטעס ווילן — זאט ער געזאגט צו דער שלאנג, גיי דיר דיין

וועג! קער דיך אום צו דיין אײ׳געגעם מין. דערציייל זיי וואס דו האסט געזעען, טאקע דו אליין, מיט דיינע אייגענע אויגן. דערציייל זיי וואס דו האסט געפילט. די קראנקהאפטע היץ פון א מענטשלעכער האנט. דערציייל זיי וואס דו האסט געפילט פנים־אל־פנים מיט אים.

פלוצלינג האט די שלאנג זיך געגעבן א דריי־אוועק פון אים און זיך גענומען אפוואַרפן פון אים און זיך דעװ׳ווייטערט פון אים. — א דאנק דיר, — האט ער געזאגט. און ס׳האט אים געמאכט לאכן פאר פרייד צו זעען ווי די קליינע שלאנג ווארפט זיך אין גראז אריין, אין די בלעטער אריין, פטור צו ווערן פונם מענטש. — אויסגעצייכנט, — האט ער געזאגט; — אייל דיך צו זיי און דערציייל זיי, אז ביסט געווען פנים־אל־פנים מיט א מענטש און ביסט נישט געהרגעט געווארן. הענק בלויז פון די אלע שלאנגען, וואס האבן געלעבט און זענען געפגרט אן זיך צו באגעגענען ווען עס איז מיט א מענטש. דענק נאר פון דער אויסצייכענונג וואסדאס באטייט פאר דיר!

עס האט זיך אים אויסגעדאכט ווי דער קליינער שלאנגס באוועגונגען אוועק פון אים וואלטן געווען דער סאמער תמצית פון פריידיקן געלעכטער, און איז געווען צופרידן מיט זיך אליין. ר׳האט געפונען דעם וועג צוריק צו דער סטעזשקע, און ווייטער געגאנגען אויף זיין שפאציר.

אין אוונט, בשעת זי איז געזעסן ביי דער פיאנא, שפילנדיק זאנפט, האט ער א זאג געטון, — א מאדנע זאך האט פאסירט.

זי האט ווייטער געשפילט. — א מאדנע זאך? — האט זי געפרעגט.

— יא, — האט ער געענטפערט. — כ׳בין געווען אויף א שפאציר דורכן פארק און האב געזעען א קליינע, ברוינע שלאנג.

זי האט איבערגעריסן דאס שפילן און זיך אויסגעדרייט אויפן בענקל צו קוקן אויף אים. — א שלאנג? — האט זי געפרעגט. — ווי העסלעך!

— ניין, — האט ער געזאגט. — זי איז געווען שיין.

— טא וואס?

— גארנישט, — האט ער געענטפערט — כ׳האב זי געכאפט און נישט געלאזט גיין א ווײלע.

— פארוואס?

— סתם אזוי, נישט צוליב וועלכער ס׳איז סיבה, — האט ער דערקלערט.

— זי איז אריבערגעגאנגען און זיך אנידערגעזעצט אין צימער לעבן אים, קוקנדיק אזוי מאדנע אויף אים. — דערציייל מיר וועגן דער דאזיקער שלאנג, — האט זי געבעטן.

— עס איז געווען א שיינע שלאנג, לחלוטין נישט העסלעך. ווען דו האסט זי אנגערירט, האסטו געפילט ווי ריין זי איז.

— עס פריידט מיך, — האט זי געזאגט. — און וואס נאך?

— כ׳האב געוואלט טייטן די שלאנג, נאר האב נישט געקענט. זי איז געווען צו שיין, — האט ער געענטפערט.

— עס פריידט מיך, — האט זי ווידער געזאגט, — נאר ליבער דערציייל מיר שוין אלץ.



— דאס איז אלץ, — האט ער געזאגט.

— עס איז אבער נישט, האט זי געזאגט. — כ׳ווייס, אז עס איז נישט. ארויס מיט אלעס!

— ס׳איז געווען זער מאדנע, כ׳האב געהאלטן ביי טייטן די שלאנג און מער נישט אהערקומען, — האט ער געזאגט.

— שעמסטו דיך נישט פאר דיר אליין? — האט זי געפרעגט.

— אודאי שעם איך מיך, — האט ער געענטפערט.

— וואס נאך? וואס האסטו געטראכט פון מיר בשעת די שלאנג איז געלעגן פאר דיר, — האט ז ווייטער געפרעגט.

— אז וועסט זיין ברוגז, — האט ער געזאגט.

— א, אומזין. ס׳איז פשוט אוממעגלעך פאר מיר מיט דיר ברוגז צו זיין.

— גוט און וואויל, — האט ער געזאגט. — כ׳אהב געטראכט, אז ביסט ליבלעך, נאר שלעכט.

— שלעכט?

— זעסט, כ׳האב דיר געזאגט, אז וועסט זיין בריגז.

— און דערנאך?

— דערנאך האב איך אנגערירט די שלאנג. ס׳איז מיר נישט לייכט אנגעקומען, אבער כ׳האב זי אויפגעהויבן מיט ביידע הענט. ווי קומט דיר עס פאר? מען לייענט אסך ביכער איבער אזעלכע זאכן. וואס באטייט עס אויפהויבן די שלאנג מיט ביידע הענט?

זי האט זאנפט אנגעהויבן צו לאכן, מיט פארשטאנד. — וואס עס באטייט? — האט זי געלאכט. — עס באטייט, אז דו ביסט א נאר. אויסגעצייכנט.

— איז דאס על־פי פרויד? — האט ער געפרעגט.

— יא, האט זי ווייטער געלאכט, — על־פי פרויד.

— נו, ווי ס׳זאל נישט זיין, — האט ער געזאגט, — עס איז געווען גוט צו לאזן די שלאנג גיין פריי.

— האסטו מיר אמאל געזאגט, אז האסט מיך ליב? — האט זי געפרעגט.

— דארפסט עס אליין וויסן, — האט ער געענטפערט. — איך קען נישט געדענקען געוויסע זאכן, וואס כ׳האב דיר געזאגט.

— ניין, — האט זי געזאגט. — האסט עס מיר קיינמאל נישט דערקלערט.

ווידער האט זי אנגעהויבן לאכן, פילנדיק זיך אזוי גליקלעך בנוגע אים. האסט אלעמאל גערעדט פון עפעס אנדערש, — האט זי געזאגט, — פון כלערליי זאכן, וואס האבן דערמיט גארנישט צו טון. צו די דערשטוינענדיקסטע געלעגנהייטן.

— די דאזיקע שלאנג, — האט ער געזאגט, — איז געווען קליין און ברוין.

— און דערמיט איז שוין אלץ דערקלערט, — האט זי געזאגט. — ביסט קיינמאל נישט געקומען אומגעבעטנערהייט.

— וואס, צום טייוול, רעדסטו? — האט ער געזאגט.

— עס פריידט מיך זער וואס האסט נישט געטייט די שלאנג, — האט

זי געזאגט. האט זיך אומגעקערט צו דער פיאנא, און זאנפט געלייגט די הענט איבער די קלאווישן.

— כ׳האב געפיפן אפאר מעלאדיעס צו דער שלאנג, — האט ער געזאגט.— כ׳האב געפיפן א פראגמענט פון שובערטס אומפארענדיקטער סימפאניע. כ׳האב געוואלט זי זאל עס הערן. ווייסט דאך, יענע מעלאדיע, וואס ווערט געברויכט אין א מוזיקאלישער קאמעדיע, מיטן נאמען „קנאספן־צייט”. דאס ליד „ביסט מיין איינציקע ליבע, מיין איינציקע ליבע” און אזוי ווייטער.

זי האט אנגעהויבן שפילן זאנפט, פילנדיק זיינע בליקן אויף אירע האר, אויף אירע הענט, אויף איר נאקן, אויף אירע פלייצעס, פילנדיק ווי ער פארשט זי ווי ער האט געפארשט די שלאנג.

פון ענגליש איבערזעצט,

**א. אלמוג**

מאשא גרינבוים

## בוקארעסט, קאנסטאנצא און קיעוו (פון א באזוך)

(פאר פרוי פייגעלע קארנבלוט)

מיר פארן קיין רומעניען אויף צוויי וואכן. מיר ווילן טרעפן יידן. מיר ווילן זיך אפרוען ביים שווארצן ים. אונזער עראפלאן קומט אן קיין בוקארעסט. מען ווארט אפ פון טאראם (די אפיציעלע טוריסטן אגענץ) און מען פירט אונז אין האטעל אמבאסאדאר. אין לאנדאן האט מען אונז געזאגט אז דאס איז קיין די לוקס האטעל, אבער ערשטקלאסיק. נו, דער האטעל אמבאסאדאר איז אן אלטער האטעל וועלכער וועט שוין קיין מאל ניט זיין ערשטקלאסיק. א סורפריז, מען הערט עברית אומעטום, דער האטעל אמבאסאדאר איז פול מיט ישראלים. פאר דער יום כפור מלחמה זיינען זיי דא געקומען אין די טויזנטער. עס איז דא פאר זיי ביליגער ווי אנדערע ערטער אין איראפע. צווישן די ישראל טוריסטן אסך רומענישע יידן וועלכע זענען עולה געווען מיט יארן צוריק. און קומען איצט באזוכן דאס לאנד, און אויף קבר־אבות, אדער אריבערפירן נאענטע מתים און סתם אויף וואקאציעס.

מיר טרעפן א ישראלדיקע ווייבעלע געבוירן אין רומעניען, עולה געווען מיט אירע עלטערן אלס קינד, איז זי געקומען אויף צוויי וואכן מיט איר מאמען קיין רומעניען צו פארברענגען. איז איר די מוטער אויפן דריטן טאג געשטארבן, זיצט שוין די ווייבעלע צען טעג און ווארט אויף א דערלויבעניש צו פירן איר טויטער מאמען אהיים קיין ישראל. זי האט שוין איינגעצאלט 1800 דאלער און זי ווארט נאך אלץ אויף איר דערלויבעניש. זי האט שוין אומעטום געגעבן מתנות צו באאמטע און דער טויטער קערפער ליגט אין אייז און זי ווארט אין האטעל אמבאסאדאר.

די ישראלים האלטן זיך שטארק צוזאמען. פרישטיק צייט זיצן זיי צוזא־



מען, ארום 40 געסט און העלפן איינער דעם צווייטן מיט דער שפראך, מיט געלט און אזוי ווייטער. צוויי פון דער גרופע זענען פרומע יידן און טוען ניט אויס דאס היטל ביים עסן. דער קעלנער וויל זיי ניט סערווירן פרישטיק אין בעט זיי אויסטאן דאס היטל. זיי דערקלערן אים אז זיי קענען דאס ניט טאן, ער וויל זיי ניט סערווירן. אלע 40 הויבן זיך אויף און מארשירן צום ארויסגאנג צו זוכן אן אנדער פלאץ צו עסן פרישטיק. עס ווערט א טומל. דער קעלנער לויפט זיי נאך. איינער פון די דירעקטארן קומט צולויפן. נאך אנגעשטעלטע רינגלען זיי ארום און בעטן דער גרופע צו בלייבן עסן פרישטיק מיט אדער אן היטלען, קיינער וועט זיי מער ניט שטערן. זיי בעטן זיך איבער און עסן זייער פרישטיק צוזאמען.

מיר פארן זען די שטאט. א שיינע שטאט בוקארעסט, א מיליאן איינוואוינער. מאדערנע מאנומענטן פאר דער רעוואלוציע. אבער די רעוואלוציע האט נאך ניט באהערשט דאס פאלק. און די קלויסטערס זענען פול מיט מוזיק און מענטשן, סיי יונגע און סיי אלטע. מיר באזוכן די יידישע בתי־כנסת. די כאראלע שול איז גרויס און הויך, געבויט אין רומענישן ארטאדאקסישן סטיל, יידן האבן קאפירט די קלויסטערס. מיר באזוכן די מלבים שול, די שול איז אנדערש און דערמאנט אונז אין די פויליש־ליטווישער שול, אן דעקאראציעס, אן באפוצונגען. די שול איז געבויט געווארן דורך די ארעמערע יידן. אלע דריי גרויסע שולן ווערן נאך היינט גענוצט. מיר האבן אויך געזען צוויי פרעכטיקע שולן וועלכע ווערן היינט גענוצט אלס וואַרנהייזער, וואו עס קוקן אומעטיק אראפ פון די ווענט הערלעכע האלץ אויסארבעטונגען און ס׳הענגען אראפ פון די פאטאלאגן פרעכטיקע קריסטאלענע הענג לאמפן, אבער קיין דאווענער קומען דארטן ניט מער. ווייל פיר הונדערט טויזנט יידן האבן די דייטשן דערהרגעט, א העלפט פון דעם יידישן ישוב אין דער פאר־מלחמהדיקער רומעניען און 330 הונדערט טויזנט זענען עולה געווען, הונדערט טויזנט יידן לעבן היינט אין רומעניע און זיי נוצן ניט מער די אלע בתי־כנסת וועלכע זענען אמאל געבויט געווארן.

מיר באזוכן די יידישע קהילה, וועלכע איז א מלוכה מיט 800 אנגעשטעלטע און אן אייגענעם כשרן רעסטאראן וועלכער סערווירט ארום 900 מענטשן טעגלעך, און וועלכער באזארגט די עלטערע און קראנקע יידן מיט ווארעמע מיטאגן אין זייערע היימען, דער קאמיטעט ארגאניזירט אויך די ארבעט פאר 158 קהילות. אדוואקאט שעכטער, דער גענעראל סעקרעטאר פון דער קהילה וואס דאס איז פאקטיש די פאזיציע פון א פרעזידענט אין אנדערע קהילות, שטעלט אונז פאר דעם ספרדישן יידישן סעקרעטאר, זיי ארבעטן צוזאמען צו העלפן די געבליבענע יידן, די שארית הפליטה. רומעניען איז דאס לאנד פון פרייהייט אין פארגלייך צו די אנדערע סאציאליסטישע רעפובליקן.

מיר האבן אויך באזוכט דעם יידישן קראנקן־צענטער וואו מער ווי 4000 יידישע פאציענטן זענען רעגיסטרירט, וואו די דאקטוירים ריידן נאך אלץ יידיש, (מיט א בעסאראבישן אקצענט) און קענען ניט אוועקווארפן אפילו

זיי ווילן, צוליב זייער וויכטיקער ארבעט ווייל קיין פארטרעטער קומען ניט צו. אסך פון די קהילה אנגעשטעלטע האבן דעם זעלבן פראבלעם פון ניט קענען ארויספארן אפילו זיי וואלטן אזא דערלויבעניש געקראגן.

א זעלטענע און גאנץ ספעציעלע דערשיינונג איז די רעספעקט און די ליבע וואס די יידן ווייזן ארויס און פילן פאר זייער רב הראשי, הרב דר. ראזען. היינטיקע צייטן איז עס א זעלטנקייט אז א קהילה, עמך, פרייע און פרומע זאלן ארויפקוקן צו זייער רב, אפשאצן זיין ארבעט, זיי זעען אין אים זייער וויכטיקסטן שתדלען, און רעספעקטירן און באוואונדערן זיין מוט אויסצוקעמפן פאר יידן זייער רעכט לויט דער לאנד'ס קאנסטיטוציע.

די קהילות האבן 21 שוחטים. כשרות אין אלע קהילות. זיי האבן מקוואות. זיי האבן בתי־כנסת. זיי האבן ניט גענוג שולן ווייל זיי האבן ניט גענוג לערער.

רומעניען איז א שיין לאנד. גרין מיט וועלדער, גערטנער און אזשערעס און טייכן. ניט קיין וואונדער אז מען געפינט אין אירע רואינען דעם גריכישן, רוימישן, ביזאנטישן און שפעטער, דעם טערקישן אינטערעס. יעדער פון די וואס האט אמאל איינגענומען רומעניען האט עפעס איבערגעלאזן פון זייער פאלקלאר, מוזיק, עסן און מאנירן. ניט אלעמאל איז געבליבן דאס בעסטע.

מיר פארן קיין קאנסטנצא. אן אלטע פארט שטאט מיט אסך נייע און אלטע יידישע זכרונות. א גרויסער טייל פון דער אומלעגאלער עליה איז פון דארטן ארויס קיין ישראל. זכרונות פון פליטים, פון שיפן, פון טויט און פון א נייער לעבן. די גרויסע אלטע שול אין גאטישן סטיל, געבויט אזוי הויך ווי די אנדערע בעט־הייזער פון דאס פאלק, איז אין רואינען, א חורבה. פון די ווענט און דאך פאלן שטיקער. ניטא מער די יידן וועלכע האבן עס גע־נוצט. 50 יידישע משפחות וווינען היינט אין קאנסטאנצא, זיי נוצן ראש־השנה, יום כפורים און די אנדערע ימים טובים די ספרדישע שול וועלכע איז צו גרויס פאר זיי, וועלכע דערמאנט זיי אין אמאל ווען די קהילה האט געדארפט אזעלכע שולן. קוקנדיק אויף די דאזיקע שולן מאכט עס טראכטן: צו יידן דארפן אין גלות בויען גרויסע לוקסוסדיקע שולן?

נעבן דער ספרדישער שול וווינט א יידישער שניידערל פון בולגאריע וואס האלט שטאלץ זיין יידישן נאמען, אבער אויף דער פראגע אויב ער קען „שמע ישראל" האט ער געצויגן מיט די פלייצעס, „קיינמאל ניט געהערט".

פון קאנסטאנצא פארט מען קיין קיעוו, מען פארט מיט א קליינעם פראפעלער־אוויאן געבויט אין רוסלאנד, וועלכער שלעפט זיך צוויי שעה קיין קיעוו, און וואו די לופט רעגולאציע ארבעט ניט רעגולער. ווען מען דערוואַרט קאלטע לופט ארבעט עס ניט, און אז מען דערוואַרט גארניט קומט אריין שניי דורך די לופט רערלעך. אונזער אוויאן האט היינט אן אינטערנאציאנאלער גרופע, דייטשן, פראנצויזן, האלענדער און פינען. מיר זענען די איינציגע ענגלישע און יידן.

מיר פארן ארויס פון קאנסטאנצא מיט א רומענישער פארטרעטערין פון 'טאראם'; אין אונזער פראגראם פאר קיעוו שטייט פארשריבן אז מיר האבן פון צוויי ביז פיר שעה פרייע צייט, אחוץ דעם אפיציעלן פראגראם וואס מען



וועט אונז ווייזן. מיר ווייזן דער רומענישער פרוילין פון 'טאראם' דעם אדרעס פון שול אין קיעוו און פרעגן איר ווי לאנג וועט אונז דויערן דארט צו פארן אין אונזער פרייער צייט, אונמיר דריקן אויס א וואונטש אז מיר ווילן אויך צו דער זעלבער צייט באזוכן „באבי־יאר".

צוערשט פארשטייט זי ניט וועגן וועלכע פרייע צייט מיר ריידן. זי זאגט: „אזוי ווי איר האט א קאלעקטיווע וויזע האט איר ניט קיין פרייע צייט און טארט אליין אין קיעוו ניט גיין" — מיר ווייזן איר דעם פראגראם וואס מיר האבן געקויפט מיט די פרייע צייט אונטערגעשטראכן, זי קוקט אריין, אביסל פארשעמט און זאגט אז דאס איז דער פאראיאריקער פראגראם, ווען מען האט דערלויבט ארומצושפאצירן אליין, פארוואס מען האט אונז פארקויפט דאס יאר אין רומעניען פאראיאריקן פראגראם ווייסט זי ניט, און זי איז אויך ניט פאראנטווארטלעך. בכלל זענען די באאמטע אין די סאציאליסטישע רעפובליקן ניט פאראנטווארטלעך וואס אנדערע באאמטע פארקויפן און זאגן צו. זי נעמט בא אונז א מתנה, עטלעכע פעקלעך ענגלישע סיגארעטן, און האט באלד א גוטע עצה: „איר וועט באצאלן פאר א פריוואטע טאקסי און איך וועל אייך נעמען אין די שול, ווייל אין קיעוו בין איך פריי און א צווייטע באגלייטערין קומט פארטרעטן די רוסישע 'אינטוריסט', איז אויב איר ווילט, קענען מיר פארן פארן מיטאג־עסן". מיר באדאנקען איר און פארן קיין קיעוו מיט דער האפענונג „את אחי אני מבקש", און דאס איז דאך אונזער איינציקער סיבה פון פארן קיין קיעוו. ווייל אוקריינע איז אין אונזער געשיכטע ניט פון די באליבסטע ערטער.

מיר פליען איבער פארשידענע שטעט און מען אנאנסירט אז מיר קענען אראפקוקן אויף קישינעוו און די געגנט, און מיר זעען גרינע פעלדער וועלכע פאר אונז זענען זיי רויט באפארבן מיט יידיש בלוט וואס האט צענדליקער יארן זיך געגאסן איבער דאס אוקרייאינישע לאנד.

דער ערשטן ברוך הבא אין קיעווער־ערפארט קריגן מיר פון זייער ניט קיין סימפאטישע אפיצערן אויף וועלכע מען זעט אז זיי וואלטן מוחל געווען אויף די באזוכן פון די ניט געלאדענע אויסלענדער. מען דארף אויספילן א פארמולאר וויפל געלט, רינגען, זייגערלעך מען פירט אריין. א לאנגער טיש איז אויסגעלייגט מיט ביכער אין אלע שפראכן וועלכע מען קען נעמען אן געלט. די ווערטער פון לעניק, די תורה פון מארקס, די געשיכטע פון די שאוויניסטישע לאנד ישראל, ציוניסטישע פראפאגאנדע וועלכע באהערשט די וועסט, און אזוי ווייטער. מיר האבן צונויפגעקליבן 'אינטערעסאנטע זאכן'. כדאי צו דערמאנען איין קוריאז פון איינעם פון די ביכלעך „אז רוסלאנד און די אלע סאוועטישע לענדער דארפן ניט קיין פעקלעך פון די קאפיטאליסטישע לענדער און יידן אין דער וועלט שיקן סתם פעקלעך קיין רוסלאנד און די אנדערע סאציאליסטישע לענדער, נאר בכדי צו ווייזן אז די לענדער זענען ארעם".

די אלע ביכלעך זענען מתנות פון דער רעגירונג, און עס זעט אויס אז עס פעלט ניט קיין פאפיר, נאר לידער אין דעם שמוציקד מענער טוא־

לעט איז קיין טואלעטן פאפיר ניטא, און בא די פרויען טואלעט ליגן עטלעכע אלטע, צוריסענע פארמולארן אין א טואלעטן קעסטל. מאדנע, פאר קיעוו, די דריטע גרעסטע שטאט אין רוסלאנד!

אונזער 'אינטוריסט' באגלייטערין באגריסט זיך מיט אונז אין ענגליש. די אנדערע באזוכער האבן אויך זייערע 'אינטוריסט' אנגעשטעלטע זיי אויפ־צופאסן און דערקלערן וועגן קיעוו און דערציילן וועגן דאס לעבן אין דער אוקריינע בכלל. מיר מעלדן איר וועגן אונזער פלאן צו באזוכן די שול. זי זאגט אונז גלייך אז זי האט שוין געהערט וועגן אונזער ביטע, אבער ליידער האט די רומענישע באגלייטערין ניט קיין רעכט אונז דארטן צו פירן. אויך זי אליין, האט ניט קיין רעכט אונז דארטן צו פירן, ווייל די שול איז ניט אין אונזער פראגראם. וואס מען האט אונז פארקויפט אין רומעניען, ווייס זי ניט און עס איז אויך ניט איר פאראנטווארטלעכקט. אויך האט מען אונז שוין דיס־קוטירט מיט דער דירעקטארשע פון דער 'אינטוריסט', וועלכע איז היינט פאראנטווארטלעך פאר אלע גרופעס, און זי האט ספעציעל געווארנט אז עס איז פארבאטן.

די רומענישע באגלייטערין איז פארשוואונדן און מיר זעען איר שוין ניט. וועגן באבי־יאר, זאגט אונזער אוקריינישע באגלייטערין איז אפגערעדט, באבי יאר איז זיבן קילאמעטער פון שטאט און ס'איז שווער צו פארן, אבער זי זאגט אונז צו אז זי וועט אונז אלץ דערציילן וועגן באבי יאר. מיר זאגן איר אז מיר זענען זייער אנטוישט וואס מען האט אונז פארקויפט עפעס וואס מיר ווילן ניט. און מיר בעטן איר אזוי זאל אונז קויפן א בילד פון דעם מאנומענט פון באבי יאר. ווערט זי א ביסל אנגעשטויסן און זאגט אז באבי יאר האט ניט קיין מאנומענט. און גלייכצייטיק זאגט זי: „דער אמת איז, אז מיר ווילן מאכן דעם שענסטן מאנומענט פאר באבי יאר, און עס איז שוין יארן ווי מען זאמלט די בעסטע ארבעט פון קינסטלער בכדי צו באשליסן וואס צו בויען". ווען מיר זאגן איר אז כמעט דרייסיק יאר איז א לאנגע צייט צו ווארטן, ווערט זי נאך מער ברוגז און זאגט אז אין גאנץ רוסלאנד האבן די דייטשן דערהרגעט רוסישע מענטשן, און פארוואס די וועלט איז אזוי אינטערעסירט אין באבי־יאר, קען זי ניט פארשטיין.

אבער פאר אלע אנדערע פראגן האט זי ניט אן ענטפער. זי רעדט ווי אן איינגעארבעטער רעקארד, א מאשין. זי ברענגט אונז ציפערן. זי פארגלייכט מיטן לעבן אין אויסלאנד און זי באווייזט וויפל בעסער עס איז אין רוסלאנד. די מענטשן אין רוסלאנד האבן ניט קיין סך אויטאס ווייל מען וויל ניט פאר־פעסטן די ריינע לופט וועלכע איז געזונט פארן מענטשן!

יא, יידן זענען דא אין קיעוו, היינט ארום 200 טויזנט, די גרעסטע מינאריטעט, זיי האבן ניט קיין שולעס, קיין טעאטערס, קיין צייטונג, אין איין ווארט קיין אייגענע קולטור לעבן ווי די אנדערע מינאריטעטן אין דער אוק־ריינע, ענטפערט זי אויף אונזערע פראגעס. אבער מען האט דאך זיי געבויט אן אייגענע מדינה אין בירא־בידזשאן וואו זיי קענען אלע פארן אויב זיי ווילן. און זי גיט אונז דערביי אלע ציפערן וועגן בירא־בידזשאן. יא, זיי זענען



טאקע אוקריינישע בירגער יידן, און זיי זענען גלייכבארעכטיקטע מיט אלע אנדערע אין דער אוקריינע. איז פארוואס, פרעגן מיר, שרייבט מען זיי אריין אין דעם פאספארט 'יעווריי' און דאך האבן זיי ניט קיין רעכט פאר א זעלבסט קולטור? אויף דעם בלייבט זי שטיין אין א גרויסע פארלעגנהייט און זאגט אז דאס מוז זי נאכפרעגן. פאר אונזער נעקסטן וויזיט וועט זי שוין האבן אן ענטפער!

אונזער באגלייטערין איז א יונגע, סימפאטישע פרוי מיט א גרויסן ענטו־זיאזם פאר איר ארבעט און זי רעדט א גוטן ענגליש און האט אלע ציפערן פארשריבן אין א ביכל אין וועלכן זי קוקט אפט אריין. מיר פארן פארביי גאסן און פארקן און מיר זעען מאנומענטן צו דער רעוואלוציע און צו דער אוקריינישער פארגאנגענהייט.

פון 1648 ביז 1658 האט דער אוקריינער קאזאק באגדאן כמעלניצקי אין זיין קאמף מיט די פוילישע מאגנאטן אין צווישן אויסגעהרגעט מער ווי הונ־דערט טויזנט יידן און זיין ארמיי האט חרוב געמאכט הונדערטער יידישע קהילות. און היינט אין דער שענסטער טייל פון דער מאדערנער שטאט קיעוו איז א ריזיקער פלאץ אין מיטן פון וועלכן עס שטייט א בראנזענער מאנומענט צום דאזיקן קאזאק באגדאן כמעלניצקי, וועמענס נאמען דער ריזיקער פלאץ טראגט. היינט לעבן אין קיעוו ארום צוויי הונדערט טויזנט יידן, אויך זיי דארפן פארבייגיין דעם דאזיקן כמעלניצקי פלאץ און זיך טרעפן מיט דעם בראנזענעם אוקריינער העלד!

אין אלע מוזעאומס, אן אויסנאם, זעט מען לענינס בילד, געריסעוועט גענייט, געשטריקט, אין סקולפטור, גובעלענען און אין אלע אנדערע מאטע־ריאלן וועלכע ארטיסטן נוצן. לענין פארנעמט היינט דעם פלאץ פון יעזוסן און זיין לערע איז געווארן א רעליגיע.

די פרוי פון אינטוריסט וועלכע באגלייט אונז איז 27 יאר אלט. זי האט אן אוניווערסיטעט דערציאונג און איז באהאוונט אין ליטעראטור און קונסט, אינגאנצן אונטער דער סאוועטישער השפעה, און זי ווייזט אונז שטאלצערהייט, אז אויך די קלויסטערס זיינען היינט מוזעאומס ווייל היינטיקע סאוועטישע מענטשן דארפן ניט קיין קלויסטערס. דאס פאלק דארף ניט מער די אלטע רעליגיע. זי ווייזט אונז צווישן אנדערע זאכן אויך א מאדעל קרעטשמע, און זי דערציילט אונז גלייכצייטיק אז צוליב די קרעטשמעס האט מען פיינט גע־האט יידן אין דער אוקריינע. די יידן האבן געהאלטן די קרעטשמעס, האט זי געלערנט, און די פויערים האבן פארטרונקען מער ווי זיי האבן געהאט געלט צו באצאלן. די יידן האבן געהאלטן אין איין פארלאנגען די געלט פאר די שנאפס, האט מען זיי דערפאר פיינט געהאט און אמאל אויך צוליב דעם דערהרגעט. זי האט עס אלץ גענוי שטודירט!

זי ווייס אויך צו דערציילן (און כ'האב דעם געפיל אז דאס איז ניט געווען אין איר פראגראם, נאר זי האט געענטפערט אויף אונזערע פראגעס), אז 20 פראצענט פון דער אוקריינישער ערד ליגט נאך אין פריוואטע הענט, צוטיילט אין קליינע שטחים, וועלכע דער פויער קען אבער ניט פארקויפן

פריוואט. אויב זיינע קינדער ווילן ניט באארבעטן די ערד, קען ער דאס נאר פארקויפן צו דער רעגירונג, אזוי פארהיט מען פון צוקלוגינקע מענטשן, ארייננצוכאפן אסך לאנד אין זייערע הענט. אבער די 20 פראצענט פון דער ערד אין די פריוואטע הענט פראדוצירט דריי מאל אזוי פיל ווי די 80 פראצענט פון די קאלכאזן. עפעס איז די ניט קלאר, לויט איר חשבון און מיר פרעגן איר אויב זי מיינט אז דער קאלכאזן סיסטעם איז אזוי גוט, ווי דער אלטער סיסטעם? זי פארשטייט אליין ניט גענוי פארוואס עס איז אזוי, נאר זי איז זיכער אז דער קאלכאזאן סיסטעם איז אסך בעסער, נאר דער עולם האט זיך נאך ניט צוגעוואוינט צו דעם.

זי רויכערט איין סיגארעט נאכן צווייטן. מיר גיבן איר ענגלישע סיגארעטן. מיר זאגן איר אויך אז מיר וועלן ניט ארויפגיין עסן מיטאג מיט דער גרופע און מיר בעטן איר גלייכצייטיק אונז צו העלפן זען די שול אין קיעוו. זי ווערט ווייכער און זאגט אזאויב מיר האבן באצאלט פארן מיטאג און טראץ דעם ווילן מיר ניט גיין אין האטעל עסן, דארף זי דאך ניט וויסן וואו מיר זענען מיטאג־צייט, און אויב מירנעמען א טאקסי, זאלן מיר די טאקסי הייסןווארטן נעבן שול און מיר מוזן זיין צוריק אין האטעל ביי דריי אזייגער, ווייל אונזער גרופע דארף דאן פארן אויפן דנעפער, און מיר מוזן קומען צו דער דאזיקער רייזע. דערווייל, פארן מיר ווייטער מיט איר זען די שטאט. מען שטעלט זיך אפ אין די אינטוריסט געשעפטן וואס הייסט 'קאשדאן', געשעפטן נאר פאר טוריסטן דער עולם טוריסטן קויפט ווייניק. ניטא קיין ספעציעלע אטראקציע אין די דאזיקע געשעפטן, אסך נעסקאפע און סיגארעטן, קאוויאר און זייף. מיר טרעפן אמעריקאנער יידן וואס זענען שוין דריי טעג אין קיעוו. זיי האבן געטראפן יידן אין שול. ליידער, זאגן זיי ניט געקענט מיט זיי ריידן, מען האט ניט געלאזט ריידן אין מיטן דאווענען און גלייך נאכן דאווענען האט מען זיי געבעטן גיין. זיי זענען שטארק אומעדיק פון דעם, וואס ווען זיי האבן באזוכט די שטאט, האט מען זיי צוגעפירט צו א הויז וואו עס איז געשטאנען געשריבן: „דא האט געלעבט דער סאוועטישער שרייבער שלום עליכם".

זיי קענען ניט קומען צו זיך פון פארדרוס, די דאזיקע אמעריקאנער יידן. דאס אלעס! זייער אינטוריסט באגלייטער האט ניט געזאגט אין וועלכע שפראך שלום עליכם האט געשריבן און אז ער איז בכלל ניט געווען קיין סאוועטישער שרייבער!

מיטאג צייט קומען מיר צופארן צום האטעל 'דנעפער' וואו אונזער גרופע דארף עסן. ווען אלע גייען עסן, גייען מיר זוכן א טאקסי. נאך א האלבע שעה ארומלויפן, ניטא קיין טאקסי, מיר פראבירן אפילו פריוואטע קארס, נאר אומזיסט. גייען מיר צוריק אין האטעל. אונזער אינטוריסט באגלייטערין דערזעט אונז און דערפרייט זיך מיט אונז. זי האט אונז פארגעסן צו זאגן אז פין דעם דאזיקן פונקט קריגט מען ניט קיין טעקסיס! און זי האט אונז אויך געמאלדן אז אן אונז קען זי אויך ניט ארויפגיין עסן, ווייל די דירעקטארשע פון אינטוריסט האט זיך נאכגעפרעגט אויף אונז און זי האט אויך געזאגט אז מיר מוזן ארויפגיין אין עס זאל. זי האלט צווויי פלעצער פאר אונז בא



איר טיש, און ווען פארן אין שול מוזן מיר פארגעסן!

מיר פארן מיט א דאמפער אויפן דניעפער. דער טאג איז שיין, די זון שיינט, דער וואסער איז פריש, די רייזע אנגענעם. די פרוי פון אינטוריסט האלט אונז נאך אין דערציילן די ניסים און נפלאות פון דער סאוועטישער הימלאנד און ווען זייערע פלענער פאר דער צוקונפט. נאר פאר אונזערע ברידער איז ניטא קיין מארגן אין דעם דאזיקן לאנד.

מאיר באגדאנסקי

## פון א וויזיט אין ניו־יארק

ווי א בונדיסט — האב איך דעם ערשטן וויזיט אין ניו־יארק געמאכט אין דער ביורא פון קאארדיניר קאמיטעט פון „בונד" וועלכע געפינט זיך אויפן פינפטן שטאק אין אטראן הויז. דער „בונד" ווי אזעלכער איז אנגעשלאסן אין א גאנצער רייע ארגאניזאציעס און צווישן זיי אין דעם יידישן ארבעטער קאמיטעט. עס זיינען דאמאלט גראד געמאכט געווארן די צוגרייטונגען צו דער יערלעכער פייערונג פון „בונד", צו וועלכער עס זיינען געקומען העכער פון 450 אנטיילנעמער.

אויף דעם זעלבן פינפטן שטאק אין אטראן הויז געפינט זיך אויך דער פראנץ קורסקי ארכיוו, וועלכער פארמאגט אן א שעור מאטעריאלן פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג מיט וועלכע עס באנוצן זיך כלערליי פארשער און סטודענטן פון די אוניווערסיטעטן ביים צוגרייטן זייערע גראדואיר טעזיסן. ווען איך בין דארט געווען האב איך פונקט געטראפן א יונג מיידל וועלכע האט געמאכט נאטיצן פון א בוך ארויס. עס איז נאר א שאד וואס די צוויי צימערלעך אין וועלכע דער ארכיוו געפינט זיך זיינען אויסערסט צו קליין פאר אזא אינסטיטוציע און ער נויטיקט זיך זער אין אסאך מער ארט.

דעם צווייטן, זייער אנגענעמען, באזוך האב איך געמאכט צו דער 40־יאריקער יובל קאנפערענץ פון יידישן ארבעטער קאמיטעט. דערדאזיקער קאמיטעט, וועלכער איז געשאפן געווארן אין 1933 דורך פארשטייער פון ארבעטער־רינג און סאציאליסטישע פארטיי צו העלפן קרבנות פון היטלעריזם, האט במשך פון דער גאנצער צייט טאקע פיל געהאלפן די געליטענע פון היטלעריזם. פיל יידן וועלכע עס איז געלונגען זיך ארויסצוקריגן פון פוילן, נאך דעם ווי זי איז באפאלן געווארן דורך די דייטשע און רוסישע ארמייען אין 1939, האבן דאס צו פארדאנקן דעם ארבעטער קאמיטעט. אסאך פון די יידן וועלכע זיינען געווען פארשפארט אין רוסלאנד בעת דער מלחמה געדענקן נאך גוט די פעקלעך וואס זיי האבן דארט דערהאלטן — און וועלכע האבן נישט איינמאל טאקע דערהאלטן זיי ביים לעבן—פון ארבעטער קאמיטעט.

אין פארלויף פון דער צייט זיינען אויסגעוואקסן די באדערפענישן פון דער שארית הפליטה פון די יידן נאך דער מלחמה און דעריבער האט זיך אויך אויסגעשפרייט די טעטיקייט פון יידישן ארבעטער קאמיטעט. „זיכערן און שטארקן יידיש לעבן, יידישן קיום זיינען געווען און געבליבן די גרונט

יסודות און צילן פון יידישן ארבעטער קאמיטעט". מיט דידאזיקע ווערטער הויבט זיך אן דער באריכט פון דער הילף און קולטור טעטיקייט אין אמעריקע און אין אויסלאנד, וועלכן עס האט צוגעגרייט וולאדקע מיד, געהילפס־עקזעקוטיוו דירעקטאר פון יידישן ארבעטער קאמיטעט. לויט דעם באריכט האט די שטיצע וואס דער ארבייטער קאמיטעט האט פארטיילט בלויז אין די לעצטע צוויי יאר באטראפן 50 טויזנט דאלאר אין מזומן. אחוץ דעם האט ער נאך פארטיילט 2500 פונט קליידער פעקלעך.

יערלעכע סובסידיעס באקומען **אין אמעריקע**: דער אלוועלטלעכער יידישער קולטור קאנגרעס; דער יידישער לערער־סעמינאר; דער ייווא; ציקא; קורסקי ארכיוו; יידישער ווערטערבוך; יידישע פובליקאציעס: „צוקונפט"; „וועקער"; אונזער צייט און פיל אנדערע. אין אויסלאנד באקומען שטיצע: **אין ישראל**: ברית עבודה; י. ל. פרץ פארלאג; פראנץ קורסקי קולטור הויז אין תל־אביב; 2 יידישע נאך מיטאג שולן; לייוויק הויז; סקאלערשיפס פאר נויט באדערפטיקע סטודענטן.

**אין פראנקרייך**: „אונזער שטימע"; ארבייטער רינג נאכמיטאג שול; מעדעם ביבליאטעק; אויך ווערן געשטיצט ביבליאטעקן אין אנדערע לענדער. דער ארבעטער קאמיטעט פירט דורך יעדן זונטיק ראדיא פראגראמען אין יידיש. מאנגל אין ארט דערלויבט נישט ברייטער זיך אפצושטעלן אויף זיין טעטיקייט און קאנפערענץ, אבער פון די פאר דערמאנטע פאקטן קען זיך דער לייענער אליין אויסארבעטן א באגריף פון זיין נוצלעכקייט.

באזוכנדיק דעם יידישן מוזיי האב איך פונקט געטראפן דארט א סקולפטור אויסשטעלונג פון א יידישער סקולפטארין—לואיז קרייש— א געבוירענע אין ניו יארק. אלע אויסגעשטעלטע סקולפטורן זיינען אויף ביבלישע און יידישע געשיכטע טעמען. עס איז פשוט געווען אן אפפרישונג צו זען אזא אויסשטעלונג. אין א דערנעבנדיקן צימער, אין גלעזערנע גאבלאטקעס, זיינען אויסגעשטעלט יקר המציאותן, דהיינו: א מאנוסקריפט פון ר' משה בן מיימון, א מחזור פון 13טן יארהונדערט צוזאמענגעשטעלט פון שמחה ווירי, ששה משניות געשריבן מיט דער האנט און פיל אנדערע. אין איין צימער געפינט זיך א מיניאטור אין גיפס פון ירושלים.

בשכנות מיטן יידישן ארכיוו, אין א רחבותדיקער געבײדע, געפינט זיך דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט „יי"א". דארט האב איך פונקט געטראפן אן אויסשטעלונג פון וואנט צייטונגען. מיינסטנס זיינען דאס געווען וואנט צייטונגען פון ד. פ. לאגערן באלד נאך דער מלחמה, וועלכע האבן אפגעשפיגלט דאס לעבן און שטרעבונגען פון די מענטשן וועלכע האבן זיך אין זיי געפונען. אויך זיינען דארט געווען עטליכע יידישע וואנט צייטונגען פון אוקריינע פון 1919־20 און פון בירא בידזשאן. אויף א ביכער פאליצע האב איך אויך געזען א מאפע פון די פאראייניקטע שטאטן פולשטענדיק אויף יידיש. אויך האב איך דארט געטראפן עטלעכע סטודענטן וועלכע האבן געמאכט נאטיצן פון ביכער. דער יי"א גיט ארויס זיינע אייגענע ביכער; לעצטנס איז דארט ארויס פון דרוק א גרויס ווערק אין פיר בענדער פון ד"ר מאקס



ווײַנרייך „די געשיכטע פון דער יידישער שפראך".

אין ניו־יארק שפילן איצט 4 יידישע טעאטערן. דריי שפילן א גאנצע וואך מיט מאטינעס 3 מאל און איינס בלויז צוויי טעג אין דער וואך. יוסף בולאוו שפילט „שווער צו זיין א ייד" פון שלום עליכם. איך בין דארט געווען אין מיטן דער וואך אויף א מאטינע און דער זאל, וועלכער נעמט ארײַן עלף הונדערט מענטשן, איז געווען כמעט פול. פסח בורשטין שפילט א מוזיקאלישע קאמעדיע „מיין מאמע דער גענעראל" און לעא פוקס שפילט אין יידיש אין מאנהעטן. אויסער די דריי שפילט אויך, בלויז צוויי מאל א וואך א טעאטער אויסגעהאלטן דורכן ארבעטער רינג. איצט שפילן זיי „סטעמפעניו" פון שלום עליכם. צום באדויערן גייט אין ניו־יארק ארויס איצט בלויז איין טעגלעכע צייטונג — דער „פארווערטס".

אין א קליין שטעטעלע — בערגענפילד אין ניו דזשערזי — האט דער דארטיקער ארבעטער רינג אפגעקויפט א קירכע און זי פארוואנדלט אין זייער לאקאל. זיי האבן געהאט גענוג געלט בלויז צו קויפן די געבײדע, אבער זי איבערצוארבעטן האבן זיי שוין נישט קיין געלט דערוויל. עס זעט אויס קאמיש צו זען א קירכע קאמפלעט מיט א צלם איבער דעם אריינגאנג און אונטער דעם צלם אן אויפשריפט אין יידיש „ארבעטער רינג". אבער אינעווייניק ווערט געפירט אמת יידישע טעטיקייט. איך האב דארט פונקט אריינגעטראפן צו א יידיש לעקציע פון דער נאך מיטאג שול אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט 7 קינדער און ווען די לעקציע האט זיך געענדיקט האט זיך אנגעהייבן א צווייטע פאר א צווייטער גרופע, עלטערע שילער. דער לערער פון א יאר 25 — א געבוירענער און דערצויגענער אין בוענאס איירעס; דארט האט ער אויך געענדיקט דעם יידישן לערער סעמינאר. איך האב אים געווינטשן א ברכה אויף זיינע הענט. די דאזיקע נאך מיטאג שול איז בלויז איינע פון אסאך מיט וועלכע עס פירט אן דער בילדונגס דעפארטמענט פון ארבעטער רינג. לעצטנס האט דערזעלבער דעפארטמענט גענומען אויף זיך צו גרינדן א פולע גאנצטאגיקע יידישע שול. געלט פאר דעם צוועק ווערט שוין געזאמלט און זיי האפן אז אינגיכן וועלן זיי דעם ציל דערגרייכן. בלייבט בלויז איבער צו ווינטשן זיי דערפאלג.

פון דעם אלעם געזאגטן איז צו זען אז כאטש די מערכה פון יידיש לאזט נאך איבער גאנץ גענוג צו ווינטשן זיך, דארף מען ווייט נאכנישט פארברעכן די הענט. עס זיינען נאך דא גענוג מענטשן וואס העלפן צו צום אויפהאלטן פון איר עקזיסטענץ.

אין אן ארטיקל אין פארווערטס האט א. וו. שולמאן, אויפן סמך פון סטאטיסטיקס אנגעוויזן אז אין דער וועלט ווערן איצט ארויסגעגעבן יערלעך, פונקט אזויפיל ביכער ווי מיט 25 יאר צוריק. וואס באקרעפטיקט דאס העכער געזאגטע. עס ווייזט אויך ווי וויכטיק עס איז פאר אונז, דא אין לאנדאן, אויפצוהאלטן אונזער נר תמיד — די צונויפטרעפן יעדן שבת נאך מיטאג פון אונזער געזעלשאפט „פריינט פון יידיש לשון". אולי ירחם — ווער ווייסט וואס עס קען נאך דערפון ארויסקומען.

## דער שורש — המשך —

### ג

צו שילדערן די מהומה־נאכט פונם נאצי־נצחון, דאס ברענען פון רייכסטאג, ס׳געיעג פון דער פאליציי אויף די פערד און דאס, וואס האט זיך אפגעטון אין די יידישע הייזער אין בערלין, דאס ברענען די ביכער — עס איז נישט פאר מיינע כחות. אפשר אין יענע לידער־העפטלעך, געשריבן דעמלט און אפגעדרוקט אויף דער הייסער מינוט, וואס איך האב זיי נישט צו דער האנט און געדענק אפילו נישט זייערע נעמען, געפינט זיך אפשר א לירישע טרער פון דעם „מר־מדלי״!

פון אלע מיינע צענדליקער און צענדליקער לידער פון יענעם יאר געדענקט זיך מיר די סטראפע:

„איך בין א ווילדע קאטשקע אויפן וואסער,
און צי הינטער מיר מיין צעציטערטן וועג;
ברייטער און ווייטער שניידט ער און גייט ער,
און זיין קאן וואס וויל און וואס מעג״.

אז איך האב מיך געהאלטן דעמלט איבערן וואסער און אריבערגעשפרייזט יענע רויט־פארבלוטיקטע כוואליעס, האב איך טאקע נאר צו פארדאנקען יענעם תהלים־פסוק: „שומר פתאים ד׳ ״.

דאס טראגישע און דאס קאמישע גייען תמיד צוזאמען אין אזעלכע ברענענדיקע טעג — ס׳איז זה לעומת זה! אז נישט, וואלט עס דער מענטש גאר אויסגעהאלטן? — ס׳איז בלוטיק־רויטער שתי־וערב טעפיך, וואס וועבט זיך אין אזעלכע טעג —

ווער ס׳האט א פוס געהאט איז געלאפן איבער שווייצער־גרענעץ, איבער די טשעכישע בערג. פון די יידישע שרייבער האט מען שוין קיינעם נישט געזען.

אין איינעם א טאג באקום איך א בריוו פון א. מ. האבערמאנען, אז שאקען שיקט מיר 300 מארק ארויסצוגעבן מיין „פישערדראף״ אויף יידיש, אזוי ווי די דייטשע איבערזעצונג איז געווען צווישן די פארברענטע ביכער.

איך בין שוין געווען ווייט דעמלט פון דעם מין טעמעס, רעאליסטיש־אביעקטיווע, — דאס ביסל אפגעדרוקטע קאפיטלעך פון „פישערדארף״ אין יידיש אין א ווילנער זשורנאל, איז טאקע געווען אונטערן נאמען „שטיל־לעבנס״ — מאלעריש, אזוי צו זאגן. די צייט איז אויך געווען א געענדערטע! און אין בוזעם־טאש האב איך שוין כמעט פערטיק אנגעשריבן דאס בוך „מזל טלה: — איבער 100 זייטן פאעמעס אויף ביבלישע מאטיוון — איז אפשר טאקע גלייכער דאס בוך אפצודרוקן?

אנגעקלונגען צו דניאל טשארני, דער איינציקער פון „אונזערע״ שריי־



בער, וואס איז נאך געבליבן, מיט אים מיך מיישב צו זיין.

„מיר טרעפן זיך און מיר וועלן ארויפגיין צו פראפעסאר דובנאוו משואל עצה צו זיין״.

דובנאוו איז געווען דערפאר ארויסצוגעבן דעם „מזל טלה״ — מסתם דאס ביבליש־געשיכטלעכע. טשארני איז אבער דאך באשטאנען איבער „רעאליסטישע״ טעמים — ס׳„פישערדארף״! און ס׳איז טאקע ארויס מיט א ביסל דייטשער קריטיק צום סוף, אויף די לעצטע זייטלעך אין טשארניס יידיש־איבערזעצונג.

אין „גלאבוס״ איז דעמלט געווען אן אפשאצונג איבער „פישערדארף״, פון אהרן צייטלין — א גרעסערער עסיי, אבער כ׳געדענק דערפון נישט קיין איין ווארט . . .

איך וועל מיך האלטן ביים ביסל ביבליאגראפישן, אויף וויפל כ׳געדענק, כדי דאך נאך צו קענען קומען צו א שטיקל טאלק אויף וויפל כ׳האב מיר נאך פארגענומען . .

אבער דאך ווילט זיך דערציילן וואס ס׳האט זיך מתתיא־מילתא געווען אין טאג פון טשארניס אוועקפארן — געהערט עס דאך אויך צום ביבליאגראפישן, מסתם —

ביים געזעגענען זיך, שוין אויף דער באן, גיט מיר טשארני דעם שליסל פון זיין וואוינונג: „גייט דאך ארויף צו מיר. ס׳איז געבליבן דארט א ראמש מיט שמות, נעמט זיך ארויס וואס איר ווילט און דעם שליסל ווארפט אריין דורכן שליסל־לאך״.

האב איך דארטן געפונען אין דעם שמות א זשורנאל — כ׳געדענק שוין נישט דעם נאמען — א בריוו פון ד״ר עליאשאוו צום רעדאקטאר פון „מארגן־זשורנאל״, פישמאן, מכוח מיינס א קאפיטל פראזע און אזעלע ווערטער זענען דארטן געווען, אז אפילו ס׳איז שוין באו מים עד נפש, האלט מען זיך אויך נאך הויך איבערן וואסער — מען שפירט: די נשמה פון א נאנטן שוועבט איבער דיר . .

* * *

עס איז נאך געווען פאר די נירנבערגער געזעצן און מ׳האט נאך יידן כמעט אין מנוחה געלאזט. די עיקר־רדיפות זענען געווען — אויף קאמוניסטן! איז לאמיך כאטש דערמאנען בלויז אלטערן און יאזעפן. דער ענין זיסקינדלעוו איז צו קאמפליצירט! מ׳וועט עס באהאלטן, לכשירחיב — באריכות צווישן אנדערע שרייבער, ווייל ס׳האט א שייכות מיט זיי . .

אלטער האט צונויפגערופן זיינע פאר נישט־יידישע טראצקיסטן: „איצט מוזט איר אליין באווייזן וויאזוי צו ענדערן די וועלט. איך פאר נאך פאלעסטינע״, און צומארגנס איז ער אפגעפארן.

דער ציימונגס־פארקויפער אויפן וועדינג האט איבערגענומען זיין ארבעט. פון צייט צו צייט פלעג איך צו אים אריינגיין הערן עפעס פון אלטערן. איין טאג קומט דער פאטער, אן אלטער דייטש, צולויפן: „פאליציי האבן דעם זון

פעסטגענומען און א פאליציסט זיצט אין שטוב, אז ווער ס׳וועט ארויפקומען, וועט ער אים מסתם מיטנעמען״. .

חבר יאזעף איז געווען א קאלישער בחור, די תמימות אליין. ווען זיי האבן דעם ארישן סעקרעטאר פארשלעפט, האט ער אין דער יידישער געגנט איבערגענומען די ארבעט. אין איין נאכט איז פאליציי צו אים ארויפגעקומען און אים מיטגענומען. קיינער האט עס נישט געוואוסט. צומארגנס זיצט ער אין יידישן קאפעע, ביי זיין זייט א פאליציסט אין ציוויל . .

נאר אזעלכע צוויי תמימותדיקע אויגן, ווי חבר יאזעף האט געהאט, האבן געקענט באוויזן, אז קיין איינער פון די „לינקע״, וואס האבן באזוכט דאס קאפעע, זאל זיך נישט צוזעצן צו אים.

יאזעפן האט מען אפאר טעג שפעטער דערשאסן. לעוון האבן זיי ארויס־געלאזן, אבער א האלב צעהרגעטן . . .

*　　　*　　　*

כ״א שבט, 1934, פארנאכט. באקום איך א דעפעשע פון דער היים: „טאטע נפטר געווארן. אויב וועסט נישט זאגן קדיש, תיכף דעפעשירן״. ס׳איז געווען א צוריקבאצאלטע דעפעשע.

כ׳דענק: שעהן אזוי בין איך געבליבן שטיין ביים פענסטער. שנייעלעך זענען פאמעלעך געפאלן, אין די טרערן פון מיינע אויגן האבן זיי פינקלדיק געלויכטן ווי ריכטיקע שטערן — דער הימל איז מיר אראפגעפאלן איבערן קאפ.

מיין טאטע איז מיר געווען דער טייערסטער מענטש אויף דער וועלט; דורך אים האב איך ליב באקומען דעם מין מענטש. קיינמאל גארנישט האט ער געפאדערט פון מיר. ער האט מיך נאר מיט זיינע טיפע אויגן אנגעקוקט. טיילמאל קוקן זיי נאך אויף מיר — איצט!. .

די דעפעשע האט ער, מסתם, אין דעם נוסח איבערגעלאזט אין זיין צוואה. איךהאב די צוריק־דעפעשע נישט אפגעשיקט.

די גענצע זיבן טעג האב איך מיך אין גאס נישט באוויזן. כ׳האב דעמלט שוין געוואוינט אין דער טיר־גארטן געגנט, אין שכנות מיט ד״ר סיסטער. ווען ער פלעגט קומען פון זיין ארבעט — ער איז דעמלט געווען דער דירעק־טער פון דער הויכשולע, „וויסנשאפט דעס יודענטומס״ — פלעגן מיר זיך אפט טרעפן אינם יידישן קאפעע אין יענער געגנט — ס׳איז שוין געווען נאך די נירנבערגער געזעצן.

מיין נישט זיך ווייזן איינציקע טעג איז אים אויפגעפאלן! ווען ער איז ארויפגעקומען, האב איך אים געגעבן צו לייענען די סעריע סאנעטן, אנגע־שריבן אין די טעג.

ער האט זיי אדורכגעלייענט, מיר זיי נישט צוריקגעגעבן. זיי געלאזט אפדרוקן —

עס איז דאס ביכל „פונדערווייטנס״, מיט דער צושריפט: „ארויסגעגעבן פון פריינט״.



דאס זענען די לעצטע שורות פון דעם ציקל סאנעטן:

„ווי דו, טאטע, ביסט אקייגן גאט געשטאנען,
וויל איך שטיין יעדן מענטש אקייגן״.

איבער דעם ביכל האט ניגער בשעתו געשריבן: ס׳זענען די בעסטע לידער, וואס זענען אנגעשריבן געווארן אין דער יידישער ליטעראטור איבער טאטע־מאמע.

*　　　*　　　*

איך האף, אז איך וועל נאך זדאנזשען, ווי נישט איז, דאס ביסל ביבלי־אגראפיע, וויפל איך געדענק זי, איבער מיינע 15 יאר ארבעט, פארווארפן אין דייטשלאנד, צו דערפירן צו א תוך. מיין ארבעט דא, די 37 יאר אין ווייטשעפל, איז דאך דא, ווי נישט איז, אין דער „צייט״, וואו איך האב יארן מיטגעארבעט; אין מיין איבער א טוץ ביכער און ביכלעך דא ארויסגעגעבן און אין „לשון און לעבן״, וואס גייט שוין ארויס 34 יאר. — הלואי אויף ווייטער.

איך פריי מיך, אז ס׳איז מיר, ווי נישט איז, דאך נאך געלונגען דעם טייל, „גזע און ירושה״, ארום א 1140 „לשון און לעבן״־זייטלעך אנצושרייבן און אפצודרוקן און באריכות ארויסצוברענגען אדאנק, מסתם, וואס כ׳בין דעמלט, מיט 12 יאר צוריק, געווארן א „פענסיאנער״ און געהאט א געוויסע זיכערקייט אונטער מיר און מיך געקענט נעמען צו ברייטע פראזע־שורות.

דער צווייטער טייל, „געראנגל״, איבער 200 זייטלעך, איז לפי עניות דעתי אויך נישקשהדיק.

דער טייל, וואס כ׳שרייב איצט, ווען איך און דער זשורנאל וואקלען זיך, איז מסתם לגמרי נישט וויכטיק, אחוץ פאר אן אלטן ייד, (א האלבן עבר־ובטל וואס טויג שוין צומאל באלד צום העפטל פארקויפן). וואס וואלט, נעבעך, געוואלט ס׳זאל א זכר נאך אים בלייבן — איז מילא.

— המשך אין קומענדיקן נומער —

## לעצטע לידער

1

נישט אין זיין בלי שטייט דער בוים — אין וויאן!
אבער צי איז ער דען ווייניקער שיין?
זיצט פייגעלע נישט אין זיין געצווייג,
דערפאר זינגט ער אליין — הער זיך איין.

א קונץ ווען די זון איבערן קאפ
מען איז אין צוויט און ליכטיק צעבליט?
אין רעגן, אין ווינט, נעפל געהילט —
מיט לעצטן געוועלק זינגען א ליד!

זיכער, אַנדערש אַצינד דאָס געזאַנג,
נישט וואַרקענדיק פאַרליבט, נישט פויגליש זיס — —
האַרך, ריטמיש־שאַרכנדיקער טראָט נאָך
אין וואַקלדיקן גאַנג בלאַטיק־מיאוס.

נישט אין בלי שטייט דער בוים — אין וויאַן!
בלויז צי איז ער דען ווייניקער שיין?
ס'האַרכט זיך קיינער צו זיין ליד נישט צו?
עלעהיי אַ זקן רעדט צו זיך אַליין — —

2

דער רויזנבוים זיינע נאַקעטע צווייגן,
פולע מיט דערנער, טוט ער צעשטרעקן;
פייגל טויט־דערשראָקן קרייזן אַרום
מיט אַ געסוויטש־געוויין, פולע מיט שרעקן.

זיי ווייסן, נעבעך, נישט, אַז ערשט אַצינדערט
נאַקעט־אויסגעדאַרט און פול מיט דערנער,
זיי צו דערנערן ער שטייט וואַרטנדיק־גרייט,
פול מיט זאַפטיקע, צייטיקע קערנער.

אין שטורעם און ווינט און אין רעגן ער שטייט,
און וואַרט מ'זאָל זיינע קערנער צעפּיקן;
וואָס שיינע בליטן, וואָס בלעטער־געוועלק,
מיט קערנער הונגעריקע באַגליקן!

יאָ, פון די אַראָפגעפאַלענע נאָך,
בייע ביימעלעך פאַרוואָרצלען, צעצווייגן;
ווי גוט אַזוי צו שטיין אין ווינט, אין רעגן,
אָן בלאַט, אָן צוויטש־געריש און שווייגן.

3

שטיין אַזוי אַ גאַנצן ווינטער,
כסדר קומען אַזעלכע טעג — —
פרעג איך מיך, מיט טרערן אין בליק:
„נישט בעסער געווען שוין די זעג?"

שטיין אַזוי מיט אַ קראָ אויף קאָפּ
און גאַנצע טעג רק: קראַק־קראַק־קראַק!
טראַפּ־טראַפּ־טראַפּ, טראַפּ, טראַפּ! פרעג איך מיך:
„וואָלט נישט בעסער געווען די האַק?"



אויסגעקאַרניעט ביז וואָרצל —
איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ גאַנג!
ווידער קומען אַ פייגעלע,
טשוויטשערן זיין נאַריש געזאַנג — —

אָפּגעזונגען, אָפּגעפלויגען!
און דו שטיי אַזוי: טראַפּ, טראַפּ, טראַפּ;
רעדן צו זיך ביז לעצט בלעטל
פאַרטרעט צו דער ערד פאַלט אַראָפּ.

4

אויף נאַקעטן ביים קראַנק פאַרלאָזטער שוואַלב,
זיך נעסט מיטן רעגן שוין צערינען;
אין גרויליך גרויען נעפּל וויאַזוי,
ס'האַרץ צו דערכאַפּן עפּעס געפינען?

זיפץ נאָך זיפץ טיף פון ברוסט אים פליסן;
מרה־שחוריק, טרויעריק־פאַרביטערט,
צוויטשערט ער, איז עס זיין ווידוי־תפילה,
רעגנט עס, טרערן פון אויג אים פליסן?

אַ שלענגל אונטער דער ערד דערהערט עס:
מסתם האָט זון שוין גענומען שיינען!
ווער קאָן אַזוינס וויסן, אונטערשיידן,
צווישן געצוויטש און זיפצנדיק וויינען?

קורטשעט זיך, קנייטשט זיך, אויב בייכל קריכט עס,
צעווייקטע ערד זיך אַדורכגעריסן — —

* * *

יאָ, גאָט איינזאַם שוואַכן שוואַלב דערהערט האָט,
און אים צוגעשיקט אַ גוטן ביסן.

5

אין די געלע, אָפּגעבליאַקעוועטע בלעטער,
וויפיל לידער מיט פלאַטער־פליגל געשריבן,
מיט פאַרליבטע שנעבעלעך — איינגעדזשוביעט —
אַ קופּע שמות־בלעטלעך צונויפגעקליבן.

ווי ווילט זיך אויפהויבן אזא צעקנייטשט בלעטל,
א קוש טון — א נאס־פארווישט ווארט ארויסלייענען;
וויפיל טרויער טיף און שטיל, תחינהדיק פארטרויט —
ווי צעווייקט זיי זיינען פון אזויפיל וויינען.

לאזט דער הימל זיך טיף אראפ זיך איינצוהערן,
פאלט ס׳הארץ איין, א פארוועלקט בלאט, פארשארט צו ווערן?
אין אויער רוישט אזא שארכן נישט אויפצוהערן,
א פארכישופטער בעזעם האלט אין איין קערן.

צעריטלטע, אין ווינט צעשויבערטעביימער —
פארשלייערטע מכשפות טאנצן קאדרילן;
אויף העגגענדיקע פידלען צווישן די צווייגן
ווילד־פארשייטע שדים צום ריטם צושפילן.

6

גייט זון וואו אונטער, גייט זי אנדערש־וואו אויף,
וויאנען דא די ביימער, בליען זיי ערגעץ דארט;
די פייגל, וואו נאר זיי קומען, זינגען זיי,
אזוי צעצוויגט און צעצוויטשט ס׳פארצווייפלטע ווארט.

יא, ווען ס׳וועלקן די רויזן, בלייבן דערנער!
פאר גרויס חרפה עס באוויזט זיך די זון נישט מער,
ווי לעצטער טוי־טראפ פאלט צו דער ערד אראפ,
א פינסטער־געפרוירענע, פאראלעשענע טרער.

אונטערגעזעצט עס ווערט דער דאר־קווארער בוים,
ביזן ווארצל אויסגעקארניעט דער קראנקער קזשאק,
און נאך אויפן לעצטן, פארפוילטן שורש,
הייבט זיך פארזשאווערטסטע און פגימהדיקסטע האק.

אבער אייביק בליט בוים און ס׳טשוויטשערט פויגל,
נישט קללה קראקעט קרא־געזאנג ווען זי זיך פארט;
און אויף תמיד בלייבט דאס פארצווייפלטסטע ווארט,
ערלעך פונם פארהונגערטסטן מויל אפגעשפארט.

7

אז אויף דער ערד מען קאן פארבלאנדזשען,
ערשט אויפן ברייטן גרויסן הימל;
וועקט פייגעלע געשוויטשער מיך אויף,
מיטן חלום אין לעצטן דרימל.



עס איז דאך טבת היינט נישט ניסן,
ווי קומט פייגעלע זינגען איצטער?
כ׳רייס מיינע אויגן אויף, כ׳הער מיך צו,
און מיין בליק א ליכטיק צעבליצטער:

ווי קאן מען אויף געלעגער ליגן,
ווען אויף הימל אזויפיל שטערן?
טבת, ניסן וואסער אונטערשיד —
ווי שטערן קאנען פינקלען טרערן!

אז אויף דער ערד מען פארבלאנדזשען,
ערשט אויף הימל ברייטן גרויסן — —
פאר טיר פייגעלע טויט געלעגן,
ווען אין דער פרי ארויס אינדרויסן.

8

די שאנד, די נאקעטע־הוילע ערוה
פון דער זינדיקער וועלט צו פארדעקן,
אלע פאלנדיקע בלעטער ארום
נישט גענוגן וועלן, נישט קלעקן.

ווי גרימיק דער ווינט אצינד נישט ברומט,
מיט זייער בייז־פארביסענעם שווייגן,
ס׳דערציילן נאך פארביסענער אסך
די פארשוויגענע, צעטריפטע צווייגן

ווינט נישט ערגעץ וואו דא א שוועלבל?
הארך ווי ס׳ציטערט אין רעגן קאלטן — —
אדער איז עס נאך, ווען ווי א יינגל,
ווארעמען אין בוזעם כ׳האבס באהאלטן

ווי טויט־שטיל ס׳איז ארום און ארום,
ס׳טריפן פונם רעגן נאך צו הערן —
דאס וויינט גאט אין הימל: די וועלט,
האט זי געמוזט גאר באשאפן ווערן?

9

ס׳ציען זיך לוויהדיק די טבת־נעכט,
ליגט מען אין קבר־פינסטערניש טיף פארלוירן;
לאזן זיך אלע ווערטער דעמלט אויס,
ציטערן סודות־ציפערן אין די אויערן.

די צוויי ווערטער „אחד“ און „אהבה“,
י. ה. ו. ה באטרעפןביידע צוזאמען;
דאס איז אונזער גאנג פון דער עקדה
ביזגל צו די קרעמאטאריע פייער־פלאמען.

ווי ס׳קאן דער מענטש דעם אחד נישט פארשטיין,
אזוי צו דער ליבשאפט ער קאן נישט דערלאנגען.
„ואהבת לרעך כמוך“!
איז שוין א בשר־ודם צו דעם דערגאנגען?

מיך געראטעוועט פון קרעמאטאריע,
קיין קינד צו פירן כ׳האב נישט צו דער עקדה,
הייב איך מיך אן שפילן אצינד מיט גאט — —
ווי ס׳האט געטון מיין טאטע, מיין זיידע.

וואסער סוד: באטרעפט נישט אויך דאס ווארט גאט דרייצן?

10

„ברור לו מיתה יפה“ ערגעץ אין תלמוד
א מין חשבות, א קעלט מיט הענט אנצוטאפן,
די צוויי איגן אבער האלטן אין איין ברענען:
ס׳מוז א פאזיטיוו וואויל זיין, א נעגאטיוו וואו,
בלויז „הו איז הו“ איז קיינמאל נישט צו דערקענען.

ווי קאן מען אבער ליבשאפט און גערעכטיקייט,
די ביידע אין איינעם צוזאמען דאך ברענגען?
מיינט טאקע דער „ואהבת לרעך“
אויף א צוקער־שטריקל א רוצח אויפהענגען?

א ציטערניש־שטראם שוידערט דורך מיין גאנצן גוף!
ווען ביידע געארעמט וועלן גיין צוזאמען,
ס׳וועט קיין ביטערע ארעמקייט נישט זיין שוין מער,
וועט מענטשלעכע האנט מיט בלוט זיך נישט פארדמען.

אפנים אז איך האב דאך געמוזט איינשלאפן,
אויף שפיץ ליפ נאך זיסער חלום אויף געלעגער:
האז און בער טאנצן ביידע א מצווה־טענצל,
אויף א פלייט שפילט זיי צו אויף זיין ביקס דער יעגער.



11

— א קאצקער טייטש פון „ואהבת לרעך“ —

אנטלויפט מען פונם מענטש, ווערט נאנטער דאס ספר!
וואס פון א פרשה חומש שוין נענטער?
זיצט ער ביחידות, אפגעשלאסן אליין,
דער קאצקער, אין שטול א צוגעלענטער.

אויפגעשפרונגען דערשראקן ר׳איז ווען צום פסוק
„ואהבת לרעך“ — — צוגעקומען —
„כמוך“? „כ־מו־ך“ האט ער דאס ווארט געדרייט
און געבליבן שטיין ממש באנומען:

„וואס הייסט דאס אזוינס ליב האבן ווי זיך אליין,
אז כ׳האס מיך גאר בתכלית השנאה?“
ס׳האט זיך זיין שטערן ווילד געקנייטשט, דער בליק צעפלאמט,
פלוצלינג שטראלט ער אויף מיט א מין מינע:

„פונקט אזוי ווי איך האב מיך פיינט, פונקט
זאל איך דעם חבר מיינעם אזוי־א פיינט האבן;
ווארום ס׳טראכטעניש פון מענטשעלע גאנצע טעג
איינס ס׳אנדערע רק ווי צו באגראבן.

12

די גוטע טויבן פאר מיין פענסטער,
ווי ווילד זיי שלאגן זיך און רייסן;
פאר א ברייזעלע, א ברעקעלע,
ביז בלוט דזשוביענדיק זיך צעבייסן.

די טויבן־אויגן, ווי רציחיש
זיי קוקן דאס איינס אויף ס׳צווייטע;
ממתין זיך, צו דורסן כאטש
איינס ס׳אנדערע זיי שטייען גרייטע.

יעדן פרימארגן כ׳שטיי ביים פענסטער
און אלצדינג כ׳בין מוחל אלעמען:
אויב די גוטינקע טויבן אזוי־א,
מיר, וואס פאר אלץ מ׳מוז משלמען.

אז גארנישט דער מענטש קריגט בחינם,
זיך מיען רק, דאנקען און לויבן —
תפילהדיק אין דער פרי פאר פענסטער
קוק איך צו ווי ס׳עסן די טויבן.

13

ווען טאטע אין אזא פרימארגן־שעה,
אין גרויע, שווייגנדיקע פארטאגן,
אהין און צוריק א שפאנענדיקער,
קאפיטלעך תהלים זינגענדיק זאגן —

אזוי שטיל געווען אין אונזער שטוב !
געלעגן כ׳בין מיט אפענע אויגן,
און דעם זינגענדיקן, זיסן ניגון
מיט מאמעס מילך אין מיר איינגעזויגן.

ווי שווער דאס לעבן איז און געווען,
עס האט געלוינט דאס געבוירן ווערן;
בלויז ס׳אטעמען דעמלט פון דער מאמען
און דעם טאטנס תהלים־ניגון צו הערן —

אלע מיינע לידער, וואס געשריבן,
דעם תהלים־ניגון מיך צו דערמאנען,
דאס שטילע הארץ־קלאפן פון מיין מאמען
און איבער אונזער שטוב דעמלט טאטנס שפאנען.

14

וואס איז בלום צעבליטע אין פרילינג־זון,
בריליאנט צעגלאנצטער טוי־טראפ אויף בלעטל־גראז ?
צעברומטער בער שנארכט אדורך דעם ווינטער,
אין שניי־פוך זיך טוליעט א צעציטערטער האז.

מיינע ווינטער־טעג, מיינע צעשטראלטע,
ווי געציטערט מיין הארץ אויף דיר טון א בליק —
צו קורץ די לענגסטע טבת־נאכט געווען,
אויף העכסטער לייטער־שטאפל האן אין זיין גליק.

לעצטע פרוטה אין טאש, — אידע אין מוח —
די ארכידעען דעמלט וואס דיר געברענגט;
נישט שניי־געשיט — צוויט איבער הימלבעט !
ס׳טאנצט „גרויסער בער“, די פרילינג־זון צעשטראלט הענגט.



קיינער קיין בלום אויף מיין קבר לייגן — —
ברענגט אין מיין שטוב אריין אצינד בלום ווער?
אויף פריש־צעשריבן בלעטל אויף מיין טיש
פאלט טוי־טראפ שטראלדיק צעפונקלטע טרער.

15

לעצטער בין־השמשות שטראל אויף וואנט
אויך שוין פארלאשן און אוועק;
טרויער לויערט פון יעדן ווינקל,
גאנצער ארום — איין גרויער פלעק.

וואקלדיקע וואלקנס אויף הימל
קריכן די פארכמארטע טעג;
לעצטער בלייבט שטיין, נישט א מייל־שטיין —
גראניט־מצבה מיטן וועג.

דער נאמען, דאס יאר, געניי דער טאג,
נפקא־מיניה, א חילוק ס׳איז?
אז אסך שווערער דאס אויסהאלטן
ביז לעצטער דער טאג קומען, ביז — —

ליילעך פארהאנגענע לבנה —
קוקט מרה־שחורהדיק אריין;
אן אויפהער הענגט א טרער אין איר אויג —
ס׳וואיען פון ווינט אבל־געוויין.

16

און דאך עס ווילט זיך לעבן,
און דאך עס ווילט זיך ליידן;
אז וואס קאן שוין זיין שענער,
ווי מיט א מענטשן צו ריידן.

וואקסן דאך בלומען ארויס,
אויף קאלטע ווינטער שויבן —
פון אן אטעם פון איין ווארט,
גאנצע הענגלען ווייַנטרויבן.

אז וואס קאן שוין זיין הייליקער,
ווי ס׳פנים פון א מענטשן?
קוקסט דערויף און דיינע ליפן,
פול מיט זיסקייט און בענטשן.

דו ליגסט שוין טיף אין קבר
און דיין פריינט איז געקומען,
ס׳הארץ זיך אויסריידן פאר דיר,
מיטגעברענגט פרילינג־בלומען.

## ש ע ר צ א
17

גאנצן טאג אין קאפ די גראמען,
אבער זיי קענען זיך נישט פארן;
פינסטער־פארזעסענע, גרויע מיידן,
פארשליאכטע אין די לעצטע יארן.

וואס קאנסטו מיט אזעלכעס דען מאכן,
אחוץ צרות פון זיי צו האבן ?
בלויז וועסט דיך איינשפארן זיי צו פארן,
פריער שוין וועלן זיי דיך באגראבן.

זיצטו מיט זיי — מיטן פולן וואסער־קאפ,
און ס׳וואסערן אין מויל דיר די גראמען;
וועט עס לענגער נאך אזוי דויערן,
אנזאמלען זיך גאנצענע ימען ?

ווען דער לעצטער טאג קומען, וועט דאס זיין
מערער צו לאכן ווי צום וויינען — —
וואס איז גראם־גרימעניש נישט פארזיווגט ?
זלידנע ממזרים אזעלכע זיי זיינען.

בלויז, ליד־שמיד, וואס שוין גרויס דער אונטערשייד,
אז סאיווי נישטא ווער ס׳זאל עס לייענען.



ה א ר י  ר א י א ק

# אלוואן לזכרון

עס איז מאדנע וואס גראד מיר איז עס צוגעפאלן צו רעדן איבער אלוואן. אלווא פערזענלעך איז געווען דער צענטער פון א גרויסן קרייז פריינט און פארערער, וואס זייער פריינטשאפט איז געווען א דויערהאפטיקע און א צאל פון זיי געפינען זיך דא היינט. מיין אייגענע פריינטשאפט מיט אלוואן איז אויך געווען א נאענטע, הגם פארהאלטניסמעסיק א קורצע. איך גלויב אבער, אז דאס, וואס מען האט מיך אויסגעוויילט צו רעדן, שטעלט מיט זיך פאר א מין טריבוט בנוגע אלוואס אומבאגרענעצקייט וואס שייך צייט, כאראקטעריזירט פון א גייסטיקן אייפער, א שטענדיק פארשן און א גענצלעך ענייוותדיקן, קינסטלערישן טאלאנט. איך האב געוואלטיק גענאסן פון זיין פריינטשאפט לגבי מיר, באטראכטנדיק מיך כמעט ווי כ׳וואלט געווען א לייבלעכער זון זיינער.

סאלאמאן אלוויס, אזוי האט ער געהייסן, איז געבוירן געווארן אין בערלין, 1901, דארט דערצויגן געווארן און אויך באקומען זיין אויסבילדונג. אין יאר 1935, נאך ברייט ארומרייזן איבער אייראפע און דעם נאענטן מזרח, האט ער זיך באזעצט אין ענגלאנד, וואו ער האט שוין געלעבט און געשאפן ביז צום טויט, מיטן אויסנאם פון אייניקע יאר אין פאריז.

אלוואן, אן שום ספק, וועט מען געדענקען און שעצן אלס א קינסטלער. אין די יארן צווישן 1934 און 1973 זענען זיינע בילדער אויסגעשטעלט געווארן אויף יעדן וויכטיקן קונסט־צענטער אין דער וועלט און זיין קונסט, ווי איינער פון די גרעסטע קונסט־קריטיקער דא הי האט זיך אויסגעדריקט, וועט אפגעהיטן ווערן ווי אן אוצר פון אלע, וואס האבן א חוש פאר א סובטילן און אריגינעלן טאלאנט. אבער זיין גרויס־גייסטיקע און עמאציאנעלע רייפקייט האט זיך אויך אויסגעדריקט אויף אנדערע אופנים. ווייל ער האט אזויפיל ארומגערייזט, האט ער פארשטאנען ווי אפצושאצן די אייראפעאישע קולטור, אויסגעדריקט אין קונסט אדער ארכיטעקטור אדער אין מוזיק. אחוץ אלעם דעם, האט ער זיך געפילט פאליטיש און סאציאל ענג פארבונדן מיט זיין סביבה און האט תמיד געזוכט נייע און אריגינעלע אידייען.

די גרויסע מאנומענטן, וואס אלווא האט נאך זיך איבערגעלאזט, רעדן פאר זיך אליין און וועלן אים פארזיכערן א דויערהאפטן רום, אבער אין אונזער באוואוסטזיין וועלן מיר אויך זען די פערזאן, וואס זיי שפיגלען אפ. בולט אנטפלעקן זיי זיין אומפארגלייכלעכע שלימותדיקייט — אונזער פערזענלעכע בארירונג מיט זיין פערזאן באשטעטיקט עס — און פאראכטונג פון איבערפלעכלעכע און היפאקריטישע האלבע אמתן, און זיין אומדערמידלעך זוכן דאס, וואס ער האט געגלויבט איז ריכטיק. איבערהויפט איז אלווא געווען א ברייטהארציקער מענטש, און פון אלע זיינע טוגנטן האבן מיר דאך אלע גענאסן גענוי ווי אסך אנדערע ווייניקער דערפארענע קינסטלער און דענקער.

נישט געקוקט אויף די געוואלטיקע שוועריקייטן, וואס האבן געפלאגט די יידן אין אייראפע אין אונזער יארהונדערט, האט אלווא דאך געשאפן פאר זיך און זיינע פריינט א פאזיטיוון בליק אויפן לעבן. זיין געניוס איז נישט געווען אומפרוכטבאר אדער סתם אבסטראקט. ווייל ער האט עס אזוי ליב געהאט די מענטשן פון זיין סביבה, איז זיין געניוס רייף געווארן און ארויסגעגעבן פירות, וואס וועלן לעבן כל־זמן מען וועט שעצן אריגינעלקייט און סובטעלקייט.

אבער קיין שום בילד פון אלוואן קען נישט זיין קאמפלעט, אויב מען לאזט ארויס פיליסן פון אנבאטראכט. איר מוט איז גרויס און איר אבידה קען מען נישט גוט מאכן. נאר סאי זי סאי מיר אלע קענען זיך טרייסטן מיט אלוואס קינסטלערישער ירושה, ער האט אבער אויך געהאט געוויסע פערזענלעכע מידות, וואס קיין שום קונסטווערק קען נישט פארנעמען זייער ארט. איר נסיון וועט אמשווערסטן זיין דורך זוכן און געפינען דעם נויטיקן מוט צו לעבן אן אים. איר, מאנפרעדן און זיין פאמיליע דריקן מיר אויס אונזער טיפסטע מיטלייד.

פון ענגליש איבערזעצט.

**א. ק.**

סעם גאלדבערג

## הדסה קעסטנס ווארט - קאנצערט

— מיט דער באטייליקונג פונם פאפולערן פאלקס־זינגער מארד פרימאן —

הדסה קעסטנס ווארט־קאנצערט, מיט דער באטייליקונג פונם פאפולערן פאלקס־זינגער, מארד פרימאן, איז געען איינגעארדנט דורכן אלעלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס זונטאג, דעם 24־סטן דעצעמבער, אין דעם שיינעם סטאטלער־האטעל, אויפן אכצנטן שטאק.

חיים בעז האט געעפנט דעם קאנצערט.

דערזאאל — א שיינער, א ווארעמער און דעקארירטער — איז געווען באזעצט מיט איבער פינף הונדערט מענטשן פון דער פיינסטער געזעלשאפט. עס זענען דא געווען שרייבער, אקטיארן, געזעלשאפטלעכע טוער פון פארשידענע ארגאניזאציעס.

אין דרויסן איז אנגעגאנגען א דין, ווייס שנייעלע, ווי א ווייסער, זיידענער פאדעם. עס האט געבלישטשעט ווי ברילייאנטן, און איך האב געשפאנט זער שנעל, כדי נישט צו פארשפעטיקן מיך ביים ווארט־קאנצערט. אט דאס דינע שנייעלע, צוזאמען מיט א פרעסטל, האט געקנאקט אונטער די פיס, ווי עס וואלט פראטעסטירט מיין צעטרעטן עס.

אמת, עס איז ערשט דריי טעג ווי איך בין אנגעקומען קיין ניו־יארק פון לאנדאן, אבער איך טאר נישט פארלירן די געלעגנהייט צו הערן דאס חנוודיקע, ליבלעכע ווייבעלע, די יידישע קינסטלערין פון ישראל, הדסה קעסטן, וואס איז א גאסט אין אמעריקע.



אין תל־אביב, חיפה, ירושלים און אין אנדערע פונקטן פון ישראל האט הדסה קעסטן געשפילט סאי אויף דער יידישער סאי אויף דער העברעאישער בינע.

איר פראגראם איז געווען געבויט אויף די שאפונגען פון די פיינסטע דיכטער אין דער יידישער ליטעראטור; שלום־עליכם, איציק מאנגער, חיים גראדע, יעקב גלאטשטיין, שלום אש, משה לייב האלפערן, בונים העלער און פרץ מארקיש.

איך פאר ארום איבער דער וועלט און האב שוין געהערט פארשידענע פייגל, קלענערע און גרעסערע, נאר דער פויגל איז נישט קיין גרויסער און נישט קיין קליינער; ער איז א מיטעלער. אלע פייגל האבן געזונגען, אבער דער פויגל האט גערעדט — א מין מאדנער פויגל! נאר דאס ריידן איז געווען א מין קינסטלעריש געזאנג, אין וועלכן איר האט געקענט ארויסהערן די שענסטע טענער פון מוזיק אין דער יידישער ליטעראטור. עס איז פשוט געווען א מחיה. איך וואלט אט דעם פויגל געקענט הערן רעציטירן אן אויפהער.

הדסה קעסטן האט קוראזש און כח אייך צוצושמידן צו אייער בענקל און זי אויסצוהערן ביז זי אליין האט שוין מער נישט קיין כח. ווי א דארשטיקער פויגל האב איך געטרונקען אירע קינסטלערישע רעציטאציעס פון די פיינסטע יידישע שרייבער, איינגעשלאסן דעם באוואוסטן דיכטער, בונם העלער, איר אייגענער מאן.

הדסה קעסטן איז א גרויסער, אבער אפשר נאך נישט גאנץ אויסגעשליפענער טאלאנט. זי פארמאגט א פאטאגראפישן קאפ און א גרויסן כח און א שטארקן ווילן צו לערנען מיט ליבשאפט. זי לערנט, און זי קען. און דאס אלץ פארמאגט דער חנוודיקער פויגל, הדסה קעסטן. זי דערציילט אויך לעגענדעס, וואס אונזערע גרעסטע שרייבער פון דער יידישער ליטעראטור, האבן געוועבט.

הדסה קעסטן איז א קלוגע, און איר חכמה, פארשטייט זיך, ליגט אויך אין אויסשטעלן א פראגראם אי ליטעראריש אי אמוזאנט. זי האט אסך חן, אן אמתע יידישע טאכטער. איך, דער שרייבער פון די שורות, ווינטש איר פיל דערפאלג אויף אירע קינסטלערישע קאנצערטן־טורנעען.

דויד בערמאן

## לאנדאנער יידן דעמאנסטרירן זייער סאלידאריטעט מיט ארץ - ישראל

עס איז געווען א זוניקער, כמעט פרילינג־טאג, זונטאג, דעם עלפטן נאוועמבער, ווען טראדיציאנעל מלכות־ענגלאנד פייערט דעם סוף פון די צוויי וועלט־מלחמות. גראד האט זיך געטראפן, אז אויך מדינת־ישראל האט פונקט דעמאלט געשלאסן איר וואפנשטילשטאנד מיט מצרים ביים סועץ־קאנאל.

צוואנציק טויזנט לאנדאנער יידן האבן אט דעם זונטאג דעמאנסטרירט

זייער סאלידאריטעט מיט ארץ־ישראל, וועמען סאי מצרים סאי סיריען זענען באפאלן און דווקא אינם יום־הקדוש — יום כפור, מיט רוסלאנדס געווער און דערמוטיקונג!

יונג און אלט, מענער, פרויען און יוגנט, האט זיך פארזאמלט אויפן טרעף־פונקט אין הייד־פארק. צווישן דעם עולם האט מען געקענט זעען אונזער א. נ שטענצל, א גרויסע צאל קריסטן און אפילו דעם אמעריקאנער סענאטאר און פרעזידענטן־קאנדידאט, האמפרי, וואס האבן אויך אט דעם אופן ארויסגעוויזן זייער סימפאטיע מיט דער יידישער מדינה. א ריי יידן האבן זיך געדרענגט צו דריקן די האנט פון סענאטאר האמפרי אלס דאנק פאר זיין פארשטענדעניש און זיינע סימפאטיעס.

די דעמאנסטראציע האט זיך גערירט פון ארט ארום דריי אזייגער נאכמיטאג מיט בלוי־ווייסע פענער און טראנספארטן — ישראל חי! מארשירט האט מען פארביי דער סאוויעטישער אמבאסאדע, וואס אסך פאליציי אויף פערד האט באוואכט די געבײדע און וואו עס איז אויך שוין געשטאנען א גרופע יידן, האלטנדיק טראנספארענטן מיט בילדער פון די בארימטע יידיש־סאוויעטישע באלעט־קינסטלער, וואלערי און גאלינא פאנאוו, וואס האבן אונטערגענומען א הונגער־סטרייק אלס פראטעסט, ווייל מען לאזט זיי נישט פארן קיין ארץ־ישראל.

פון דארטן איז די דעמאנסטראציע געגאנגען קיין קענזינגטאן, פארביי דער ישראל־אמבאסאדע, און די יידישע לארדן, שינוועל און דזשאנער און אויך פירער פון ישראל, האבן אפגעווארט די מארשירנדיקע. כסדר און כסדר האבן זיך געהערט אויסרופן: עם ישראל חי!

אבער די דעמאנסטראציע האט זיך ווייטער געצויגן אזש ביז צו דער בארימטער קאנצערט־געבײדע, דהי ראיאל אלבערט האלל, וואו אויפן פלאץ פארן ארייגאנג איז געשטאנען א געצעלט, א מין אוהל, און דרינען זענען געווען פארזאמלט די פני פון דער אנגלא־יידישער געזעלשאפט: דער רב הכולל פון גרויס־בריטאניען, ד״ר יאקאבאוויץ און דער חכם פון דער ענגליש־ספרדישער קהלה, ד״ר גאון, דער ניין־און־אכציק יעריקער לארד שינוועל, לארד דזשאנער, א צאל יידישע און נישט־יידישע מיטגלידער פון ענגלישן פארלאמענט, טעאטער־קינסטלער ווי דוויד קאסאף, בערנארד ברעסלאו און דער ווירטואז, לארי אדלער, וועלכער האט אויף זיין וואונדערלעכן שטייגער אויסגעפירט „ירושלים של זהב״ אויף זיין מונד־הארמאניקע, און אנדערע.

לארד שינוועל האט געהאלטן א רעדע איבער דער לאגע, אין וועלכער מדינת־ישראל געפינט זיך איצט און ווי די גאנצע וועלט באוואונדערט גאלדע מאיר פאר איר אנפירערשאפט מיטן לאנד און ווי זי האט זיך כשר פארדינט אט די אנערקענונג.

דער ראש־הקהל, סיר סאמועל פישער, האט פארגעלייענט א דערקלערונג אין נאמען פון דהי באארד או דעפיוטיס, אויסדריקנדיק סאלידאריטעט מצד דעם ענגלישן יידנטום מיט ארץ־ישראל. אט די דערקלערונג האט מען געשיקט דירעקט צו גאלדע מאיר, דעם פרעמיער מיניסטער.



פון א טאן־באנד האט מען געהערט א ווארט פון גאלדע מאיר, אנווייזנדיק די שוידערלעכקייט פון די מצרישע און סירישע אנגרייפער, וואס דווקא אין יום־כפור, דעם הייליקסטן טאג ביי יידן, זענען זיי באפאלן דאס יידישע לאנד. זיכער איז ישראל קליין און פארהעלטניסמעסיק שוואך, אבער ווער וועט נישט באוואונדערן דעם גייסט און מוט פון יידישן חייל?! גרויס איז געווען דער ווייטאק צו פילן, אז מען שטייט אליין, אבער זי האט גאנץ גוט געוואוסט ווי דאס וועלט־יידנטום איז סאלידאריזירט מיט ארץ־ישראל אין דער איצטיקער קריטישער לאגע. אויב ישראל, חלילה, ווערט פארוואונדעט, פילט זיך יעדער ייד אין דער וועלט פארוואונדעט. איין גורל פארבינדט אונז אלעמען. דאס איז מסתמא אונזער כח! שלום

מיט קאפיטלעך תהלים און אן „קל מלא רחמים״ פאר די געפאלענע ישראל־סאלדאטן ווי אויך א קדיש און שופר־בלאזן, געמאכט פון הרב יאקאבאוויץ האט זיך די דעמאנסטראציע פייערלעך געשלאסן.

אייזיק גאלדבערג

## א קאנצערט מיט פאלקסלידער

ווידער איז פארגעקומען אין לאנדאן א קינסטלערישער פאלקס־קאנצערט, אונטער דער רעזשי פון דעם באקאנטן טעאטער קינסטלער, סעם גאלדבערג, וועלכער איז נאך פון די איינציקע וואס גייען ווייטער אן אויף דעם געביט פון „יידישער פאלקס קליין־קונסט טעאטער, נישט בלויז דא אין לאנדאן, נאר אויך אין אמעריקא, ישראל און אין פארשידענע לענדער פון אייראפע.

אויך דער קאנצערט איז געווען זער רייכהאלטיק, סיי מוזיקאליש, סיי אין קינסטלעריש יידישן־ווארט.

עס האבן זיך באטייליקט מיט דערפאלג, די סאפראנא זינגערין, רעני באר, מיט ענגלישע, יידישע און העברעאישע לידער — די קאלעראטור סאפראנא, האפני סידאר, מיט אפערן לידער אין ענגליש, — דער אפערן זינגער, דערעק ווילקס, מיט אריעס, חזן דובינער, מיט זינגען, תפילות, און יידישע פאלקס־לידער. אויך אינם קאנצערט־טייל, האבן זער אייסגענומען, די פיאניסטן, ראזא לואיס, און דער קאמפאזיטאר סידני קרוק, פון דער ב.ב.ס, אחוץ דעם איז זער וויכטיק געווען, דער פראגראם וואס איז געווען געווידמעט דעם פאפולערן יידישן פאעט און פאלקס־זינגער, מרדכי געביכטיג, דער רעציטאטאר, נעט רובין, האט פארגעליינט ביאגראפישע נאטיצן. געשריבן פון סעם גאלדבערג, וועגן דעם לעבן און שאפן פון מרדכי געביכטיג, וועלכער איז אומגעקומען אינם היטלער־גהנום, אויף א שרעקלעכן אופן!. . אליין איז ער געווען א בעל־מלאכה, מיט זיינע לידער האט ער זיך זער באליבט געמאכט אין אלע פאלקסקרייזן.

זער אויסגענומען האט, סעם גאלדבערג, מיט זינגען א צאקל פון מרדכי

געביכטיג׳ס פלאקסס לידער, אויך האט ער געזונגען, די לידער „לאז וויסן דיין ברודער ביים דניעסטער״ פון י. א. ליסקי, אויך האט ער שטארק אויס־גענומען מיט דעם ליד, „דער יידישער טשייני מאן״, און „איך חלום פון מיין מאמע״, פון רוט באכנער, און „חנהלע פון נהריה״ פון דוד בערמאן, וועלכע האבן ארויסגערופן גרויסע אוואציעס.

א גרויסער עולם איז געווען ביים קאנצערט. עס איז וויכטיק, אז אזעלכע קאנצערטן זאלן אין לאנדאן אפטמאל פארקומען.

אהרן צייטלין

## דאס פענצטער

דער שטיין ביים וועג, אט דער אלטער תם —
זיין יחוס ווייס איך, איך קען זיין שטאם:
פלאם זיין ברודער, זיין טאטע — דער ים.

אט דער איינזאמער בוים, דער פארשטארטער רוף,
דער פארגליווערטער פלי — ער איז א פרווו
צו פארוואנדלען גאטס ווארט אין א גרינעם גוף.

און איך, ווען איך שטיי און טו קוקן אויף זיי —
בין ס׳פענצטער, דורך וואנען גאט קוקט אויף די צוויי.
איך בין נאך גרעסער, געהיימער ווי זיי.

**צו די שלושים** פונם בארימטן פאעט און שרייבער אהרן צייטלין, וואס איז נפטר געווארן ראש־השנה אין ניו־יארק און געקומען צו קבורה אין ישראל איז אין יידישן וועלט קאנגרעס־הויז אנגעהאלטן געווארן אן הזכרה, וו יוסף לעפטוויטש האט דעם נפטר מספיד געווען „כהלכתו״, מיט א טיפער טרויעריקייט.



310

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

לאנדאן יוני־אקט. 1974 35׳סטער יארגאנג 424־29 10־7

אינהאלט

ימים נוראים הייאר ........ *** 3
אן אתרוג פון גן־עדן (א חסידיש מעשהלע לכבוד סכות
........ יוסף שמעון ווינשטיין 21
פארלאשענע ליכט ........ יאסל חריף 24
דער וועג צו זיך, אין וואלד, איך זוך נאך אלץ (לידער) עלא זילבערג 26
ציילן פינף און פיפציק יאר, א געבורט־טאג ווונטש, ביים ים (לידער)
........ אייזיק גאלדבערג 28
זינג־פייגל אויף מיין קאשטאן בוים (ליד) ........ דוד בערמאן 31
דער שורש, (המשך) א חזיון אויף וויטשעפל גאס א.א. לידער
........ א. נ. שטענצל 32
אויפגעלעבט אן אלטן מנהג ........ נעט רובין 39
די צעריסענע שיך (דערציילונג) ........ נאטאליע גינסבורג 41
א בריוו צו סיביר (ליד) ........ א. פושקין 43
א ליד צו א מיידל (ליד) ........ סלאוואצקי 44
מיין מאמע אין סיביר ........ אסתר ערליכמאן 45
געשעעניש, עפיזאדן פון יידישן טעאטער־לעבן אין ניו־יארק
........ סעם גאלדבערג 46
פארן ארון קודש (קאלאזשעס) ........ יעטא מאנגער 47
יידישע אויגן (ליד) ........ זלמן שזר 48
לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס יעדן שבת 3 אזייגער אין ברעדי קלוב העמברי סטר. א.1.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
אבאנאמענט־פרייז: —50.1£ פאר א יאר
אין אויסלאנד: —8 דאלאר א יאר

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*